# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 249 · פרשת ויגש · תשפ"ה










## א חנוכה צום געדענקען

- היסטאריע בלעטער: דעם קייזער אליין!
- שאלה פונעם ראש ישיבה: וויאזוי בארואיגט מען זיך נאך א טראגעדיע?
- אלץ און אלעמען: געטראפן די קוען ביינער פון פרעה'ס חלום
- קוק אהער: אפשר לעב איך אין עולם התוהו?!






קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויגש תשפ"ה • 249

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069



געטראפן די קועןביינער פון פרעה'ס חלום 12



מוסר פון א גוי 12



חלומות 11

8 שטעטל נייעס
12 וועלטליכע נייעס
36 קינדער בלעטל
45 געשעענישן

## זמנים
ויגש ד' טבת

הדלקת הנרות .. 04:22
מוצאי שבת ...... 05:54

**מנחה מעריב**
פרשת ויחי
05:30









## זכות פרק - $1000

נמכר
## זכות מהדורה
$5000
מוה"ר
**אהרן וועבערמאן**
הי"ו

פרק א' — נמכר
מוה"ר **יחזקאל זיגלער** הי"ו

פרק ב' — נמכר
מוה"ר **יואל ראזענבערג** הי"ו

פרק ג' — נמכר
מוה"ר **משה עקשטיין** הי"ו

פרק ד' — נמכר
מוה"ר **עלי מזרחי** הי"ו

פרק ה' — נמכר
מוה"ר **יואל מענדלאוויטש** הי"ו

פרק ו' — נמכר
מוה"ר **זאב סרולאוויטש** הי"ו

פרק ז' — נמכר
מוה"ר **משה סאלד** הי"ו

פרק ח' — נמכר
מוה"ר **אפרים נובוגרודסקי** הי"ו

פרק ט' — נמכר
מוה"ר **יודא ליעבערמאן** הי"ו

פרק י' — נמכר
מוה"ר **הרוצה בעולם שמו** הי"ו

פרק י"א — נמכר
מוה"ר **יצחק יונה זאבעל** הי"ו

פרק י"ב — נמכר
מוה"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

פארבינדעט אייך
היינט מיטן גבאי
**מו"ה לייב ראטה הי"ו**

347 578 4449

*sruliHeskel

# היסטאריע בלעטער



## דעם קייזער אליין

ש. ב. היסטאריקער

געווענליך ווען מען טראכט פון קעניגן פון אמאל, קומט ארויף געפילן פון פחד, מורא, אונטערדריקונג, אבער ווען מען דערמאנט קייזער פראנץ יאזשעף פון עסטרייך קומט ארויף ביי געוויסע א שטיקל שמייכל.

פראנץ יאזשעף איז געווארן קייזער אין יאר 1848 למספרם ווען ער איז געווען בלויז אכצן יאר אלט, ער איז גאר שנעל געווארן באקאנט אלס גאר א קלוגער און געריבענער סוחר, ווען ער האט איבער גענומען די מלוכה איז געווען טאטאל כאאס אינעם עסטרייכישן הערכיע, ער האט איבער גענומען די האפסבערג דינאסטיע מיט א שטארקייט, און מיט חכמה האט ער צוביסלעך פארגרעסערט און גרעסער געמאכט זיין מלוכה, ער האט ממש נאכן ווערן קעניג צוריק גענומען שטחים פון עסטרייך וואס געוויסע אינערהאלב די מלוכה האבן געבונטעוועט דארט, און צוביסלעך איז ער געווארן מער און מער שטארקער און מער מאכטפול. אזוי האט ער אריין גענומען אונטער זיין מלוכה נאך לענדער און טעראטאריעס, רוב פון זיי אן קיין איין שאס, נאר בלויז ווייל ער איז געווען באקאנט צו זיין מאכטפול.

דאן איז געקומען די הויכפונקט פון פראנץ יאזשעף, אין 1867 למספרם האט אונגארן זיך אנגעשלאסן אין די עסטרייכישע אימפעריע, פראנץ יאזשעף איז געווארן דער קייזער פון עסטרייך און דער קעניג פון אונגארן, צווישן זיינע פילע אנדערע טיטלען.

וויניג ווייסן אבער אז בעצם איז דער פראנץ יאזשעף אין פערזענליכן לעבן געווען א גרויסע דורכפאל, זיין ברודער דער קעניג פון מעקסיקא האט מען גע'הרג'ט, די קייסערן האט מען גע'הרג'ט. זיין איינציגע זון קרוין פרינץ, איז געשטארבן אונטער פארדעכטיגטע אומשטענדן. מען האט דאן אויפגענומען פאר קרוין פרינץ זיין פלומעניק, און אים האט מען אויך אומגעברענגט פארן ווערן קייזער, און פראנץ יאזשעף אליינס האט מען עטליכע מאל פרובירט צו אומברענגן אומסוקסעספול, ער איז למעשה געשטארבן אין 1916 למספרם א גרויסע לוזער, און מיט זיין טויט האט זיך געענדיגט די עסטרייכישע מלוכה.

אבער מיר וועלן נישט שטיין און פילעווען איבער עפעס א גוי, לאמיר אריינגיין צו א שטיקל היסטאריע.

געווען איז דאס אין יאר 1880 ערב סליחות תש"ם ווען פראנץ יאזשעף איז געפארן אויף א באזוך קיין גאליציע און געגאנגען זען די גרויסע שטעט אונטער זיין קעניגרייך ווי קראקע און לעמבערג.

מען האט אנגעגרייט א גרויסע לאנגע באן מיט עטליכע וועגענער וואס מען האט ספעציעל איינגערישט פארן קייזער, דער אפיציעלע סיבה פארן באזוך איז געווען טאקע פאר דעם, צו קענען זען די נייע באן שינעס וואס מען האט אויפגעשטעלט איבער די עסטרייכישע אימפעריע.

אין אלע שטעט ווי פראנץ יאזשעף האט זיך געדארפט אפשטעלן האט מען געלאזט אויפבויען מעכטיגע גרויסע טורעמעס און געהאנגען גרויסע לייליכער לכבוד דעם גרויסן קייזער'ס באזוך, די איינוואוינער פון די גרויסע שטעט האבן אנגעגרייט גרויסע פאראדן און צערעמאניעס צו געפעלן פארן קייזער.

צווישן די וועלכע האבן זיך אנגעגרייט צום קייזער'ס באזוך זענען אויך געווען די אידישע קהילה פון קראקע, אינאיינעם מיט זייער רב, דער גרויסע גאון און צדיק רבי שמעון סופר זי"ע (זע בילד), א זון פונעם צדיק דער הייליגער חתם סופר זצ"ל און א ברודער מיטן רב פון בראטיסלאוו דער כתב סופר זי"ע.

רבי שמעון סופר זי"ע איז געווען באקאנט אין קראקע מיט זיין גאונות און חכמה אפילו צווישן די גוים, אויף אזוי ווייט אז ער איז געווען אן ערוויילטער צום רייסטארט פון עסטרייך, ( אזוי ווי אין אמעריקע די קאנגרעס, מדינת ישראל האט אויך אזא זאך אבער דארט איז עס א קינדערגארטן...) און לכבודו האט פראנץ יאזשעף אפגעמאכט אז ער וויל גיין באזוכן אינעם שול פון רבי שמעון סופר זי"ע.

יעצט לאמיר אריינגיין און מסביר זיין ווי אזוי ס'האט פאסירט די מעשה ווייטער, און די שטעט פון גאליציע איז געווען א מנהג אז אין יעדן פלאץ וואס איז געווען אהערגעשטעלט פאר די מאסן זיך צוזאמצונעמען, האט געדארפט ווערן אויפגעהאנגען א בילד פונעם קייזער, ווי פארשטענדליך איז אין דעם גרויסן שול פון קראקע אויך געהאנגען א בילד פונעם קייזער, אבער א נאכט פאר דעם באזוך פון פראנץ יאזשעף זענען געגאנגען געוויסע בייזוויליגע פארשוינען און אומבאמערקטערהייט אראפגעריסן דעם בילד.

ויהי היום, ס'איז געווען יום ד' סליחות תר"ם,

עטליכע טעג פאר ראש השנה. און דער גרויסער קייזער פראנץ יאזשעף איז אנגעקומען צום שול, די אידן פון קראקא האבן אים אפגעווארט אינדרויסן מיט די חופה פון שול (וואס זוכה א חופה אין א שול? אפשר איז דאס די מסורה...) און מיט די ספרי תורה הערליך באצירט, דער רב, רבי שמעון סופר זי"ע האט געמאכט הויעך די ברכה הנותן תשועה למלכים, דער גאנצער עולם האט געענטפערט אמן.

דאן איז דער קייזער אריין אין שול, ער האט זיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן פונעם הערליכן שול וואס מען האט איינגערישט ספעציעל פאר אים, דער קייזער האט קענטיג הנאה געהאט פון די כבוד וואס די אידן גיבן אים, א מערקבארע צופרידנהייט האט זיך ארויסגעוויזן פון אים.

שטייענדיג אינדרויסן אין פאליש איז צוגעקומען איינער פון די מיניסטארן און אריינגעמורמעלט אין אויער פונעם קייזער אייניגע ווערטער, דער שמייכל פונעם קייזער איז פארשוואונדן געווארן פון זיין פנים, מיט א שטרענגע מינע אויפן פנים האט זיך פראנץ יאזשעף אויסגעדרייט צום רב.

„הער ראבינער, וואס מיינט דאס אז די אידן האבן אראפגענומען מיין בילד? דו פלעגסט מיר אלס פארציילן אז אין דיין סינאגאגע הענגט א גרויסן בילד פון מיר, און אז די אידן פון שטאט קראקא זענען מתפלל פאר מיין וואוילזיין אין זייערע געבעטן? יעצט זאגן מיר איינע פון מיינע נאנטע אז ענק האבן אראפגענומען מיין בילד יעצט פארן באזוך כדאי מיך צו פארשעמען? איך פארלאנג אן ערקלערונג אויף דעם!"

א שטילקייט האט באהערשט די פארזאמלעטע, אלע האבן געוואוסט אז זיי לעבן מיט היסטאריע, אויב געשענט נישט עפעס צו באראויגן דעם קייזער קען זיך עס אויסלאזן זייער ביטער.

רבי שמעון סופר זי"ע האט זיך געגעבן א דריי אויס און געזען אז דער קייזער איז גערעכט, די בילד פונעם קייזער וואס פלעגט הענגען אויף א פראמינענטן ארט אינעם פאליש איז נישטא, מיט גרויס חכמה האט רבי שמעון סופר זי"ע שנעל אויסגערעכנט אז דאס איז די ארבעט פון געוויסע פארשוינען וואס האבן צוליב פריוואטע אינטערעסן געוואלט אנהעצן דעם קייזער קעגן די ארטאדאקסישע קהילה פון קראקא.

נאך א שנעלע תפילה האט דער אייבערשטער אריינגעשיינט פארן רב ווי אזוי צו ענטפערן פארן קייזער.

„גענאדיגער קייזער," האט רבי שמעון סופר זי"ע אנגעהויבן, „ווי איר ווייסט זיכער טוען מיר אידן אן יעדן טאג תפילין, דאס איז א ספעציעלע אנדענק צו דעם וואס דער גרויסער באשעפער האט אונז מיט טויזנטער יאר צוריק ארויס גענומען פון עגיפטן ווי מיר זענען געווען קנעכט, און אונז ארויפגעפירט קיין פאלעסטינע ווי מיר האבן געבויט א בית המקדש און געלעבט במנוחה. אבער אין אונזער רוה טאג, שבת, טוען מיר נישט אן קיין תפילין, ווייל דער שבת אליינס איז אונזער אנדענק צו יענע געוואלדיגע נס וואס דער באשעפער האט אונז געמאכט."

„די זעלבע דא ביי אונז" האט רבי שמעון סופר זי"ע ווייטער גערעדט צום קייזערס הארץ. „מיר פארמאגן טאקע א גרויסן בילד פונעם קייזער אין אונזער סינאגאגע, אז ווען מיר קומען יעדן טאג דאווענען זאלן מיר געדענקען פון אונזער גרויסן קייזער, אבער ווען איך האב זיך דערוואוסט אז דער קייזער אליין וועט קומען צו אונז אין שול באזוכן, האב איך באפוילן אז מען זאל אראפנעמען דעם בילד, ווייל מיר דארפן נישט קיין שום אנדענק, מיר האבן דעם קייזער אליינס!"

פראנץ יאזשעף האט קענטליך הנאה געהאט פונעם ענטפער און א קליין שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיין פנים און דאן האט ער זיך הילכיג צולאכט. „הער ראבינער, כ'האב געוואוסט אז די אידן גלייכן מיר."

אלע אידן וואס זענען געשטאנען ארום האבן שטילערהייט אפגעאטעמט. פון דארט און ווייטער איז די באזוך געפארן געשמירט, און דער קייזער איז געווען העכסט צופרידן פון אלעם.

די ווערטער פון רבי שמעון סופר זי"ע קלינגט נאך אפ ביז איצט.

ס'איז געווען מיט פיר יאר צוריק ביי די יערליכע קאמפיין, (ס'האט נאך נישט געהייסן אנשי חיל). און איך בין געגאנגען נאך געלט פאר די ברסלב'ע מוסדות אין א געוויסע בית המדרש.(כ'מיין ס'איז די ערשטע מאל וואס כ'שרייב ליגנט, עכט בין איך געגאנגען נאך געלט פאר מיינע מוסדות) און כ'האב אנגעטראפן עפעס איינער פון די ... חסידות וואס האט זייער שטארק מיר געוואלט מסביר זיין אז עפעס פעלט מיר אין לעבן אז איך לערן אין די ברסלב'ע ישיבה. איינע פון די מערסט שטאנדהאפטיגע זאכן וואס ער האט געהאט מיר צו פארקויפן (לשיטתו) איז געווען ווי פאלגענד, „די ברסלב'ע מענטשן האבן נישט קיין רבי, אמת ענק האבן א ראש ישיבה וואס העלפט ענק מיט אלעס אין לעבן, אבער ענק האבן נישט א רבי וואס פירט זיך מיט די מנהגי האדמורי"ם, און דאס איז וויכטיג אז מען זאל זען א אדמו"ר וואס גייט מיט א בלויע בעקיטשע און פירט א טיש און ווען ער פאטשט פאטשן אלע, ווייל ווען מען זעט ווי איינע פון די היינטיגע דור פירט זיך אזוי ווי די צדיקים פון אמאל, געדענקט מען פון אונזערע אמאליגע צדיקים און מען האט א הרהור תשובה."

די ווערטער וואס רבי שמעון סופר זי"ע האט געזאגט פאר פראנץ יאזשעף איז מיר גלייך ארויפגעשוואומען אויפן מחשבה, „מיר דארפן נישט קיים שום אנדענק, מיר האבן דעם קייזער אליינס!".

איך דארף זען איינער וואס גייט מיט א בלויע בעקיטשע צו געדענקען פון די צדיקים פון אמאל? איך האב דעם קייזער אליינס דא אין מיין דור! וד"ל

פאסירט אסאך מאל שבת נאכמיטאג ווען איך ענדיג לערנען דעם לעצטע בריוו פון עצתו אמונה, און איך הייב אויף מיינע אויגן אנטקעגן אלע ספרים פון ספרים שאנק, און כ'זעה ווי אלע פון זיי האבן א דרך צו אנקומען צום באשעפער, הערליכע ספרים פון טייטשן אויף יעדן פסוק, און אזוי ווייטער, אבער איך קוק אן די עצתו אמונה אין מיין האנט און ס'טאנצט מיר אריין אין קאפ די ווערטער פון רבי שמעון סופר זי"ע, „מיר דארפן נישט קיים שום אנדענק, מיר האבן דעם קייזער אליינס!"

יא עס זענען פאראאן מיליאנען ספרים וואס קענען אייך צו שטופן צו געדענקען דעם אייבערשטן, און אלע פון זיי זענען הייליג און טייער ביי מיר, און דער הייליגער ברסלב'ע רבי זאגט אז מען זאל אלעס לערנען און אזוי טו איך טאקע, אבער עצתו אמונה? דאס איז דאך דעם קייזער אליינס!

פון איינע פון אנשי שלומינו האב איך געהערט א טיפע קרעכץ, „אין יענע און יענע קהילה איז חנוכה אסאך שענער," און דער שרייבער פון די שורות וועט אייך מודה זיין אז ער האט א שטארקע טענה, אין יענע קהילה איז דא הויכשטאקיגע פארענטשעס מיט א גרויסע כאר מיט ילדי פלאים און א גרויסע בענד מיט עטליכע זינגערס, און זייער רבי זאגט שיינע דבר תורה'ס. אבער מיין טייערע חבר, געדענק וואס רבי שמעון סופר זי"ע האט געזאגט צו פראנץ יאזשעף, מיר האבן עצות און הדרכות וואס ברענט אונז צו שפירן דעם אייבערשטן, דעם קייזער אליינס.

## פנינים

# באווארפן מיט האנטוכער

א יינע פון די חידושים וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן פונעם ראש ישיבה דורכאויס די ליכטיגע חנוכה טעג וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געוויילט אין שטעטל איז געווען ביים ליל שישי שיעור, ווי דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט דעם צושטעל פון שמחה צו תודה והודאה מיט די פערספעקטיוו לויט ווי מוהרא"ש פלעגט זאגן, אז אויב זאגט דער רבי: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד" – איז אוודאי דא מיט וואס צו זיין פרייליך. די זעלבע זאך, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז דער רבי רופט אן די טעג פון חנוכה 'ימי הודאה' – איז אוודאי דא אויף וואס צו דאנקען דעם אייבערשטן.

אפילו אז מ'גייט דורך שוועריקייטן וכדומה, מ'טראכט 'האב איך אויך אויף צו דאנקען דעם אייבערשטן?' קען מען נאכאלץ טרעפן אזויפיל חסדים און ניסים אויף וואס צו דאנקען דעם אייבערשטן; וויפיל דארפן מיר דאנקען דעם אייבערשטן פאר דער ראש ישיבה וואס לערנט אונז דאס אויס און אלע אנדערע עצות, שכל, לימודים און חיזוק, וואס מאכט ליכטיג אונזער לעבן און די לעבן פון אונזער קינדער, און פון כלל נשמות ישראל.

נאכן ליל שישי שיעור האט מען געשמועסט שיינע ענינים, איינע פון די זאכן האט דער ראש ישיבה געשמועסט פון בזיונות וואס ער איז לעצטנס דורך, הגם דער ראש ישיבה האט שוין אמאל געשריבן אין א בריוו: "געלויבט דעם אייבערשטן איך האב יעדן טאג לכל הפחות איין בזיון, אויב נישט מער", אבער נישט אייביג טיילט דאס דער ראש ישיבה מיט מיט אונז, אבער לעצטנס זענען געווען עטליכע בזיונות וואס דער ראש ישיבה האט מיטגעטיילט מיט אונז, און ארומגערעדט דערפון, אז פארשפרייטן דעם רבי'ן אויף די וועלט קומט מיט א פרייז, אבער מ'דארף טון וואס מ'האט צוטון, און עס לוינט זיך.

ביי איינע פון די בזיונות וואס דער ראש ישיבה איז לעצטנס דורך, ווען מ'האט צוריסן קונטרסים עצתו אמונה און ארומגעווארפן די צעריסענע שטיקלעך, האט איינער פון אנשי שלומינו געטון פעולות דאס אפצושטעלן, ער האט צאמגענומען די צעריסענע שטיקלעך און אפגעשטעלט די שפיכות דמים, אביסל שפעטער איז אים אויסגעקומען צו רעדן מיטן ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט אים באדאנקט, און ער האט געזאגט א ווארט וואס ער האט געטראכט בשעת'ן צאמנעמען, וואס דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט ביים שמועסן נאכן שיעור.

דער בית יוסף אין סימן תרע"א, אין הלכות חנוכה, שרייבט וועגן די מנהג פון צינדן די מנורה אין בית המדרש בזה הלשון: "שיש בזה פרסום גדול להשם יתברך וקידוש שמו", דורכן צינדן אין בית המדרש איז מען זייער מפרסם דעם אייבערשטן, און מען הייליגט זיין נאמען;

האט דער אינגערמאן געזאגט, ער האט געטראכט אז אפשר וועגן דעם ווארפט מען האנטוכער אויף דער וואס צינדט די מנורה אין בית המדרש, ווייל אין די וועלט איז דער ענין פון הפצה, אויסלערנען און ליכטיג מאכן אידישע קינדער מיטן רבינ'ס עצות, אריינברענגען אמונה אין אידישע קינדער, 'מפרסם זיין דעם אייבערשטן' – א פארשעמטע זאך, מ'קוקט דאס אראפ, מ'פארשעמט די הייליגע אידן וואס זענען עוסק אין די גרויסע מצוה, ווידעראום אין ברסלב גופא ווארפט מען טאקע נישט קיין האנטוכער אויף דער וואס איז מפרסם דעם אייבערשטן און הייליגט זיין נאמען, ווייל דאס איז דאך אונזער זאך, דאס איז דאך וואס דער רבי האט אונז געהייסן טון... ודפח"ח.

מיר אלע טרעפן זיך צומאל, אדער אסאך מאל, אין א מצב פון שפירן די מתנה וואס דער הייליגער רבי האט אונז געברענגט נאכן צוריק קומען פון זיין הייליגע נסיעה קיין ארץ ישראל,

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

נעמליך, מחלוקת, און בזיונות, וואס מען שפירט אלס די התקרבות, און אוודאי געוויס ווען מען איז עוסק אין הפצה, וואס דאן איז מען מער אויסגעשטעלט פאר בזיונות און חלישות הדעת, אבער פארט לוינט זיך עס.

מיר האבן שוין אסאך מאל געהערט פון דער ראש ישיבה אז הפצה מיינט נישט דוקא צו ברענגען מענטשן קיין ברסלב, הפצה שיינט אריין אמונה, הפצה שיינט אריין התחזקות, הפצה שיינט אריין הרהורי תשובה אין אידישע קינדער, ממילא קען זיך יעדער פארשטעלן אז דורך זיין הפצה האט א איד געהאט א הרהור תשובה, ער האט זיך אפגעהאלטן פון אן עבירה חס ושלום, ער האט זיך געשטארקט אין א מצוה, און אזוי ווייטער, אבער דער סמ"ך מ"ם רוט נישט און וועט אלץ אריינברענגען חלישות הדעת אינעם מפיץ 'וואר זאגט אז מיין הפצה טוט אויף? איך בין זיך אזוי מבזה, עס קאסט מיר אזויפיל כוחות, וואס טו איך שוין אויף...?'

אט הערט א חידוש וואס מיר האבן זוכה געווען צו טרעפן דעם שבת אין ספר הקדוש אשר בנחל, וואס איז א שטארקע חיזוק פאר הפצה בכלליות, און פאר ארומגיין פון טיר צו טיר, אין ישיבות, אין כוללים, און בכל מקומות וואו מען קען נאר גיין הפצה - בפרטיות.

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו: "חסדי השם יתברך מיר פארן צום רבי'ן, מיר זענען יעצט אויפן וועג צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן; די נסיעה לייכט און שיינט אין אלע וועלטן. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רצא): 'איך וואונטש מיר איך זאל זוכה זיין צו זען דאס ליכטיגקייט פון די וועגן וואס איר פארט אויף זיי צו מיר'; יעדע טריט, יעדע ריר ווערט באשאפן מלאכים. דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים רבי יודל און רבי שמואל אייזיק, ווען זיי פלעגן פארן פון דאשוב קיין מעדוועדיווקע (שם): 'מיט יעדע טריט וואס איר קומט צו מיר - ווערט באשאפן א מלאך'", ע"כ.

> אין ברסלב גופא ווארפט מען טאקע נישט קיין האנטוכער אויף דער וואס איז מפרסם דעם אייבערשטן און הייליגט זיין נאמען.

אין ספר אשר בנחל חלק מח, מכתב ח' תתו, שרייבט מוהרא"ש אז די שיחה פון הייליגן רבי'ן, איבער די ליכטיגקייט פון די וועגן אויף וואס מען קומט צו אים, איז נישט נאר געזאגט געווארן לגבי די וועגן וואס מען קומט צו אים, נאר דאס מיינט אויך יעדע טריט וואס מען גייט הפצה; מוהרא"ש שרייבט: "קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס איז די זכות וואס דו האסט אז דו פארשפרייטסט דעם רבינ'ס ספרים, אויב וואלסטו געוואוסט וואס ווערט פון יעדע טריט וואס דו גייסט הפצה - וואלסטו געטאנצן פון גרויס שמחה. דער רבי האט געזאגט, פון יעדע טריט וואס מען קומט צו מיר - ווערט באשאפן א מלאך, האט אים רבי נתן געפרעגט, אבער דאס גיין זוכן א בעל עגלה און א פערד און זיך אויסקומען אויף א פרייז - נעמט דאך אסאך צייט, האט דער רבי געזאגט, אויך פון דעם ווערט באשאפן א מלאך, דאס הייסט פון יעדע יגיעה און טירחא וואס מען פלאגט זיך צו קומען צום רבי'ן - ווערן באשאפן מלאכים".

פירט מוהרא"ש אויס: "יעצט שטעל זיך פאר, א איד איז זיך מוסר נפש צו מפיץ זיין דעם רבינ'ס ספרים, וויפיל מלאכים ווערן באשאפן פון יעדע טריט..."

קומט אויס אז אוודאי און אוודאי קומט יעדע קונטרס, גליון, קארטל וכו' - אן צו די ריכטיגע אדרעס, אבער אפילו נאר פון די וועגן וואס מ'גייט הפצה; זומער אין די היצן, ווינטער אין די קעלט און שניי, פאר א בזיון, נאך א בזיון, וואונטשט זיך דער רבי ער זאל זוכה זיין צו זען דאס ליכטיגקייט פון די וועגן...

על כל פנים, מיר לערנען זיך פון יום טוב חנוכה אז אפילו מען באווארפט אונז מיט האנטוכער פארן פארשפרייטן די ספרים פון הייליגן רבי'ן און זיינע הייליגע תלמידים, טאר דאס אונז נישט אפשטעלן פון אנצינדן נאך א לעכטל און נאך א לעכטל, דורך פארשפרייטן קארטלעך, סידים, גליונות, קונטרסים, ספרים און סתם א שמייכל אדער א גוט ווארט, נאר מיר דארפן זיין מוסיף והולך, און יעדע פעולה וואס מען טוט אין הפצה לייכט און שיינט אין עס ווערן באשאפן פון דעם הייליגע מלאכים.

# גארדען האוז בריק פארגר-עסערט

נאך אן ארבעט פון בערך פינף חדשים, איז מען פריילך צו מעלדן אז די שמאלע בריקל ביי גארדען האוז (קאונטי בריק 261) האט מען גענצליך ערזעצט, און אנשטאט די אלטע שמאלע שוואכע בריק וואס האט נישט געקענט פארנעמען מער פון איין ליניע, און האט נישט געקענט האלטן מער פון אכט טאן, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז די קאונטי האט דארט אויפגעבויעט א ברייטע שטארקע בריק וואס וועט קענען טראגן טראקס, באסעס, און קארס אויף ביידע ליניעס.

דאס קומט אין א צייט וואס די קאונטי האט באשלאסן איבערצובויען אלע אלטע שוואכע בריקן אין געגנט, ווען צוערשט האט מען פאראיאר געטון די זעלבע זאך מיט'ן אנדערן בריק אינעם שטעטל ביי דענמען רד. (קאונטי בריק 272) וואס האט זיך געצויגן פאר זעקס חדשים.

די אנגייענדע ארבעט אויפן ראוד האט פאראורזאכט צייטווייליגע אומבאקוועמליכקייט ווען צוליב די אפגעשפארטע ראוד האט מען געדארפט פארן א שיינעם אומוועג דורך מעיערהאף און קראוס ראודס אנצוקומען צו די אנדערע זייט, אבער מען האט זיך אנגעגארטלט מיט געדולד, און מיט תפילות צום אייבערשטן איז די בריק פארטיג געווארן אין צייט, און יעצט קען מען שוין דארט פארן באקוועם און געשמאק.

לויטן סקעדזשול האט זיך עס געדארפט עפענען מאנטאג וישלח, למעשה האט זיך עס אפגעשטיפט אויף דינסטאג, עס איז מערקווירדיג די מעסעדזש וואס דער אינדזשעניר האט געשיקט פאר'ן געטרייען חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו, ווי ער האט זיך אנטשולדיגט אז צוליב די רעגן און שנייען האט מען טעוואס געשפעטיגט מיט'ן עפענען, און ער האט צוגעעדיגט דעם מעסעדזש אז די נייע בריק "וועט זיך האלטן לענגער פון אונז".

אבער וואס פארשטייט א גוי? אויב גלייבט מען נאר אין איין וועלט, האלט זיך די בריק לענגער, אבער מיר ווייסן אז דער וועלט איז נאר א פרוזדור, און אונזער נשמה איז א נצחי. דער רבי האט געזאגט אז דער וועלט איז געגליכן צו א שמאלע בריק, און דער עיקר מען זאל נישט מורא האבן, מוהרא"ש פלעגט זאגן, אז וואס איז די עצה מען זאל נישט מורא האבן, מען זאל לייגן א צוים פון ביידע זייטן, וואס איז דער צוים מען זאל נישט מורא האבן, אמונה און שמחה, אויב נעמט מען מיט זיך די צוויי זאכן דארף מען נישט מורא האבן און מען קען דורכשפאצירן דעם שמאלסטן בריק.

**כל העולם כולו גשר צר מאד!**



גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



# דער פאראדאקס פון היץ און קעלט

## שאלה

**פארוואס ווען א מענטש האט היץ, צום ביישפיל 101 גראד, דאס מיינט אז זיין קערפער איז קלאר הייס - יעדער וואס רירט אים צו שפירט תיכף אז ער ברענט. אבער ער פאר זיך וועט שרייען אז ער שפירט קאלט? וויאזוי קען עס זיין?**

**משה ז.**

## ענטפער

ייער א שטארקע שאלה, א מענטש האט פיווער איבער הונדערט גראד, אבער ער שפירט קאלט, בשעת זיין קערפער איז גאר הייס

ווען א מענטש איז געזונט ער שפירט זיך גוט, איז זיין טעמפעראטור בערך 98 גראד, די געווענליכע "רום טעמפעטשור" איז (פאר אונזער משל) 68 גראד, דאס מיינט אז ווען אויב עס איז 30 גראד אונטער דעם קערפער'ס טעמפעראטור וועט א מענטש שפירן באקוועם, אבער אויב וועט ער זיין אין א צימער וואס איז 65 גראד, וועט ער שפירן קאלט. דאס איז ווייל ער איז יעצט מיט 33 גראד "העכער" פונעם טעמפעראטור אינעם צימער.

אבער די זעלבע זאך וועט פאסירן ווען א מענטש שפירט זיך נישט גוט, און זיין טעמפעראטור האט זיך געהויבן, דער חילק פונעם צימער (68) און זיין קערפער (101) איז 33 גראד, וואס דער מענטש אליינס וועט שפירן אז די לופט ארום אים איז "קאלט" כאטש עס איז בכלל נישט קאלט, פונקט ווי ער וואלט געווען אין א צימער פון 65 ווען ער שפירט ווען גוט.

דאס איז ווייל א מענטש שפירט נישט קיין פאקטן, ער שפירט נישט וויפיל עס איז דער טעמפעראטור אין די לופט, ער שפירט נאר די חילוק, און דאס איז אמת ביי רוב פון אונזערער געפילן, אונזערע שוועריקייטן און וואס מאכט אונז פריילך.

לאמיר נעמען א ביישפיל, דער פאקט איז אז יעצט איז 5 אזייגער נאכמיטאג, אבער אין אונזער מח טייטשן מיר עס אויס אלץ "צייטליך", "שפעט", אדער "פרי", עס ווענדט זיך וואו מיר שטייען. אזוי אויך מיט וויאזוי מיר קוקן אן אונזער לעבן צי עס גייט אונז גוט, אדער מיר שפירן זיך ווי א דורכפאל, דאס איז אבסאלוט נישט קיין פאקט. מיר האבן טאקע איבערגייעכצער, מיר האבן פראבלעמען, נסיונות, אבער וויאזוי מיר זאלן קוקן דערויף איז אונזער בחירה.

עס איז דא א קליינע תורה אין ליקוטי מוהר"ן (חלק א' סימן קס"ה) "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה" (וַיִּקְרָא י"ט) הַיְנוּ שֶׁתְּקַבֵּל בְּאַהֲבָה, כָּל הָרָעוֹת וְהַיִּסּוּרִין הַבָּאִים עָלֶיךָ כִּי רָאוּי שֶׁתֵּדַע, שֶׁלְּפִי מַעֲשֶׂיךָ אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים וְהָרָעוֹת שֶׁיֵּשׁ לְךָ עֲדַיִן הוּא מִתְנַהֵג עִמְּךָ בְּרַחֲמִים כִּי הָיָה מַגִּיעַ לְךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר, חַס וְשָׁלוֹם, לְפִי מַעֲשֶׂיךָ וְזֶהוּ "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ" שֶׁ תֶּאֱהַב הָרָע שֶׁבָּא לְךָ הַיְנוּ הָרָעוֹת וְהַיִּסּוּרִין הַבָּאִים עָלֶיךָ, חַס וְשָׁלוֹם תְּקַבְּלֵם בְּאַהֲבָה כִּי כָּמוֹךָ כְּמוֹ שֶׁאַתָּה הוּא, הַיְנוּ לְפִי מַעֲשֶׂיךָ "אֲנִי ה", בַּעַל הָרַחֲמִים, עֲדַיִן אֲנִי מִתְנַהֵג עִמְּךָ בְּרַחֲמִים כַּנַּ"ל

א מענטש זאל אננעמען באהבה די שוועריקייטן און יסורים וואס ער גייט דורך, ווייל ווען א מענטש וועט וויסן אז לויט זיינע מעשים, פירט זיך דער אויבערשטער מיט אים מיט גרויס רחמים, ווייל עס קומט זיך פאר אים אסאך מער ח"ו, דער רבי טייטשט מיט דעם דער פסוק, "ואהבת לרעך", זאלסט ליב האבן די שלעכטע און שווערע זאכן וואס ער גייט דורך, זאלסט עס מקבל זיין באהבה, ווייל "כמוך", לויט וויאזוי ווי דו ביסט, "אני ה'" בין איך בבחינת רחמים, און ווען מען זאל זיך באגיין מיט דיר לפי שורת הדין וואלט ווען געווען אסאך ערגער.

דאנק דעם אייבערשטן פאר אלע גוטע זאכן וואס ער געבט דיר, דעמאלט וועט דיר נאר ווערן בעסער און געשמאקער די לעבן.

**ואהבת לרעך כמוך!**

# היכל הקודש
# נייעס




אמעריקע

## הילולא קדישא פון כ"ק מוהרא"ש זי"ע וועט בעז"ה מחזק זיין יאר יערליך הפצה והדפסה

אין די יעצטיגע טעג האט דער ראש ישיבה שליט"א באשטימט דעם טאג פון די יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע און די סעודת הילולא אז דער קרן הדפסה זאל האבן די זכיה עס אפצורעכטן לטובת החזקת דעם הייליגן מוסד, און דערמיט געבן די געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו צו קענען נעמען א חלק אין די הייליגע ארבעט.

מען דארף קיינעם נישט זאגן וואס קרן הדפסה טוט און וואס זי שטייט פאר, זיי זענען די וואס שטייען בראש פון די מערכה צו דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס לימודים און פון זיינע תלמידים אויף אלע מיני ווערגן וואס איז שייך. ווען מען כאפט א שפאציר אינעם גיגאנטישן בנין פונעם קרן הדפסה טרעפט מען פילע אפיסעס מיט אינגעלייט וואס געבן זיך איבער בלב ונפש, מען שרייבט ארטיקלען, מען זינגט אויף אלבומס, מען איז מסדר דעם קול ברסלב האטליין, מען געבט זיך אפ מיט'ן "ברסלב סענטער". אונטן קען מען שטיין פארגאפט אינעם ריזיגן היכל הדפסה ווי עס געפונען זיך די ריזיגע דרוק מאשינען וואס שפייען אויס יעדע מינוט הונדערטער בלעטער פון אויסגאבעס, קונטרסים, גליונות און ספרים וואס ווערן דערנאך צושיקט צו די פילע קאסטומערס, און בעיקר צו מפיצים וואס באשטעלן ריזיגע ארדערס צו קענען דערנאך דאס פארשפרייטן צו אידן איבער די וועלט.

מיר זענען זיכער אז מוהרא"ש זי"ע קוקט זיך אום און שעפט פילע הויפענס נחת ווען ער זעט אז זיין הארעוואניע און מסירת נפש אויף הדפסה והפצה איז נישט געגאנגען לאיבוד זעענדיג ווי וויכטיג די ספרים זענען פאר'ן דור האט ער צוגעזאגט אז ער וועט נישט רוען ביז די ספרים וועלן זיין צו באקומען גרינג און פאר ביליג. מוהרא"ש האט זיך טאקע מוסר נפש געווען פאר דעם צוועק און האט זיך אנגעהוב'עט הונדערטער טויזנטער דאללער (אפילו היינט איז עס א גרויסע סכום, און כל שכן פאר איבער פופציג יאר צוריק) און זיך פארשעמט ביז ער האט געמאכט א רעוואלוציע מיטן רבינ'ס לימודים, אז היינט גייט עס אריין אין די וועלט אויף א וועג וואס קיינער וואלט זיך נישט גע'חלומ'ט.

דערפאר איז נישטא קיין מער פאסיגער דאטום פאר א מסיבה פאר קרן הדפסה ווי מוהרא"ש'ס יארצייט. פון קרן הדפסה געבט מען איבער אז מען פלאנט צו מאכן א הערליכע מסיבה מיט א רייכע פראגראם, עס וועלן פארטיילט ווערן שיינע מתנות פאר אלע נדבנים וואס האבן צושטייער געגעבן פאר'ן קרן הדפסה. דער דינער וועט היי יאר אפגעהאלטן ווערן בעזהשי"ת אינעם די פראקטפולע HCS רעזארט זאלן אין סאוט פאלסבורג - מער פרטים וועלן נאכפאלגן בעזהשי"ת.

די אלע וואס האבן זיך אונטערגענומען און געקויפט פארשידענע זכותים אינעם קרן הדפסה, קענען נאך אריינרופן צו ענדיגן צאלן זייערע זכותים אדער אויסארבעטן א פלאן וויאזוי עס צו אויסצאלן איידער דעם יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע וואס פאלט אויס אין בערך צוויי חדשים ארום. רופט דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449.





# וויאַזוֹי זִיךְ פִּירְן נָאךְ אַ טְרַאגֶעדְיֶע

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**זַייט סְ'אִיז גֶעשֶׁען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע ל"ע אִין דְזֶשֶׁערְסִי סִיטִי, הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה פוּן דֶעם. מִיר וואוֹיְנֶען נֶעבְּן בָּארָא פַּארְק אוּן מִיר טְרַאכְטְן עֶרְנְסְט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן קַיין אָפְּסְטֶעיט וואוּ סְ'אִיז דָא וֶוייגִיגֶער אוֹיסְזִיכְטְן פַאר אַזַא זַאךְ זִיךְ אִיבֶּערְצוּ'חַזְרְ'ן חַס וְשָׁלוֹם. מִיר ווִילְן הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט וֶועגְן דֶעם.**

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן אוּן וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, מֵיין נִישְׁט אַז אִין אָפְּסְטֶעיט אִיז בֶּעסֶער; דִי גוֹיִם אִין אָפְּסְטֶעיט הָאבְּן אוּנְז פּוּנְקְט אַזוֹי פַּיינְט ווִי דִי גוֹיִם פוּן שְׁטָאט. דִי וָואךְ הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה אִין אָפְּסְטֶעיט, אִין מָאנְסִי, אַ רוֹצֵחַ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב אִין שְׁטוּבּ בִּשְׁעַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת אוּן גֶעשְׁטָאכְן פִינְף אִידְן, זֶעט מֶען דָאךְ קְלָאר אַז עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דְזֶשֶׁערְסִי סִיטִי, מָאנְסִי; נָאר אִיבֶּערָאל הָאט מֶען אוּנְז פַּיינְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן.

אַז דוּ זוּכְסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וואוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן - אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, דִי פֵייגְל אִיז גֶעפְלוֹיגְן פוּן אֵיין בּוֹים צוּם צְוֵוייטְן בּוֹים, אַלְץ זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעסֶערֶע פַאנְגֶערְס, בִּיז דִי פֵייגְל הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט: 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ לוֹיפְן אַהֶער אוּן אַהִין, אִיךְ דַארְף טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן דִי פַאנְגֶערְס', הָאט זִי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, וַוייל דָארְט בַּיים הֵיכַל הַמֶּלֶךְ וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף אִיר; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, נָאר אִין אֵיין פְּלַאץ קֶען מֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, אַז מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

אַז דוּ הָאסְט פְּחָדִים פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ חַזְרְ'ן אֱמוּנָה: אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּחַד, וַוייל "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א)", וֶוער עֶס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּחַד.

נָאךְ אַ פְּלַאץ אִיז דָא וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, "רוּץ לְחַדְרֵי דִבְרֵי תוֹרָה", אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה, "וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה.

(יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס; יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא כְּסִדְרָן אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט אַ שְׁוַואכֶע פַארְשְׁטַאנְד קֶענְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען כְּסִדְרָן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו)).

אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן אַלֶע צָרוֹת וּבִפְרָט פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגֶ'ט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָחוֹן, סִימָן ז): "מִי שֶׁבָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילוֹ מִכָּל צָרוֹת וּבִפְרָט מֵהֲרִיגָה", הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע צָרוֹת, בִּפְרַט פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגֶ'ט.

**מִי שֶׁאָמַר לְעוֹלָמוֹ דַי יֹאמַר לְצָרוֹתֵינוּ דַי.**

גרשון קרעמער



# געטראפן די קוען בייער פון פרעה'ס חלום!

פארגאנגענע וואך לכבוד פרשת מקץ, האבן מיר באזוכט אין א מוזעאום. ווי זיי זאגן האבן זיי געטראפן די ביינער פון די קוען פון פרעה'ס חלום. ארכעאלאגן האבן געגראבן אין מצרים, מען האט געוואלט בויען א בנין, און מען האט געטראפן פרעה'ס חלום בהקיץ: מיר האבן זיך נישט געפוילט און געגאנגען קוקן, אין פרעה'ס חלום האט מען געזען דארע קוען, וואס פארמאגן נישט צו זייער נאמען גארנישט (אויסער אסאך חובות...), און מען האט זיי געזען אריינגיין אין א מלחמה מיט די פעטע קוען. מען גייט זיי באקעמפן און אויפעסן.

א חתונה קאסט הונדערט טויזנט דאלער? מער נישט. מען גייט מאכן א "כח", מען עסט אויף די ערשטע פעטע קוה, די תנאים, מען גייט עס נאר מעגן מאכן אין די תקנות זאל, מסודר. די צווייטע קוה, דער שטריימל. מעג מען קויפן נאר איינס, און עס מעג נישט קאסטן מער פון 1,500 דאלער; מוזיקך? מען גייט נעמען די-זשעי כמעט בחנם, פאר די חתונה נאכט, מען שטעלט צו די חתונה נאכט פעקעדזש פאר האלב/דריטל פרייז, מען מאכט שטרענגע תקנות (וואס "ייעדער" פאלגט זיכער) נישט קויפן מתנות אויף ט"ו בשבט און ט"ו באב און שבת נחמו, קיינער קויפט מער נישט קיין מגילה און אתרוג פושקע פאר זיין חתן. מיר האבן עס באוויזן! תקנות איז נישט די עצה? קוק אהער, מיר האבן אויפגעגעסן אלע פעטע קוען!

אבער ויהי לפלא, מיר קוקן אויף די דארע קוען, און מיר שטעלן זיך פאר אז עס וועט זיך "עפעס" אנזען אז זיי האבן אויפגעגעסן אזעלכע פעטע קוען, אבער "לא נודע כי באו אל קרבנה..." מען נעמט א פענע און א פאפיר, די חתונה קאסט נאך אלץ הונדערט טויזנט דאלער. יעדער וואונדערט זיך, וואס גייט דא פאר, פארוואס הערט מען נאך אזוי פיל קרעכצן? וויאזוי קען זיין אז מען האט נאכנישט באוויזן צו לייזן דעם פראבלעם?

לאמיר זען פארוואס פרעה האט נישט אויסגעהערט די פתרון פון די אלע חרטומים, אבער האט יא אנגענומען יוסף'ס עצה. די כישוף מאכערס האבן געזאגט, וועסט האבן זיבן טעכטער, און דערנאך וועלן זיי שטארבן, וועסט בויען זיבן שטעט, און זיי וועלן חרוב ווערן. אבער יוסף האט אנגעהויבן אנדערש "בלעדי, אלקים יענה את שלום פרעה", איך האב נישט קיין עצה, איך וועל בעטן דעם אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר טרעפן אן עצה.

דא ליגט די שליסל צום פראבלעם. אויב א מענטש טראכט "כח היחיד", "כח הציבור", "כח התקנות", וועט מען גארנישט אויפטון, אויב דארף איך ווייזן אז "איך קען", דארף איך אויך ווייזן ווער איך בין, "איך" שטעל צו בשר, און "איך" טראג א שטריימל פון צען טויזנט דאלער. אבער אויב נוצט מען דעם "כח הצדיק", מען הערט וואס דער צדיק זאגט, און מען גייט צום אייבערשטן, כאפט מען אז אויף דער וועלט וועט מען סייווי נישט האבן קיין כבוד. אדרבה, קוקט זיך אום אויף דער וואס כאפט עס נישט, ער האט אזעלכע בזיונות פאר די מינוט איינגערערדעטע כבוד. עס איז אפשר נישט שיין, אבער קוק וואס מען רעדט אויף אים אונטער זיין רוקן, מיר ווילן נישט שמוציג מאכן דעם פאפיר דערמיט.

אבער כבוד פון באשעפער קען מען יא באקומען. וויאזוי? מיט יעדע קליינע זאך וואס מען טוט פאר זיינעט וועגן, באקומט מען כבוד אין הימל, דארט רעש'ן אלע עולמות "קוק דארט פארט א טראק דרייווער, ער זיצט אין טרעפיק און עפנט אויף זיין משניות", דער צדיק חזר'ט עס מיט אונז כסדר וואספארא באגלייטן דער פשוט'סטער איד האט ווען ער גייט אין שול צו גיין דאווענען, אלע מלאכים שרייען "מאכטס פלאץ פאר'ן בן מלך וואס קומט צו זיין טאטן".

מענטשן וואונדערן זיך וואס האט חתונה מאכן מיט שכל מיט ברסלב? די ענטפער איז, דער וועג וויאזוי מען מאכט חתונה האט גארנישט דירעקטן מיט ברסלב, דער צדיק געבט אין אונז אריין אזא דעת, אזא אמונה, אזא שכל, דער מענטש ווערט אזוי פריילך מיט זיין לעבן, ער באקומט אזויפיל סיפוק פון די מצוות ומעשים טובים, ער באקומט אזא חיזוק, אזא פאזעטיווע בליק אויפן לעבן, ער שפירט די כבוד פונעם אייבערשטן, און ער פארעקלט זיך פון די איינגערערדעטע כבוד, דאס ווערט געגרופן "כח הצדיק" וואס איז בכח אויסצוהיילן א מענטש פון די פיער פרעשור דעזיז, ער ווערט באפרייט פון די קנעכטשאפט פון 'וואס וועלן מענטשן זאגן'.





# טראמפ מעלדט פלאן צו מבטל זיין זומער זייגער

היינט איז עס א פשוטע זאך: אז די זייגערס זענען פאררוקט במשך רוב חדשים פון יאר, דאס האט מען איינגעפירט מיט בערך הונדערט פופציג יאר צוריק כדי מען זאל זיך לייגן א שעה שפעטער במשך די חלק פון יאר וואס די זון איז אינדרויסן פאר לענגערע שעות, מיט'ן ציל אויסצונוצן די ליכטיגקייט פון די זון יעדן אוונט.

היינט צוטאגס איז די גאנצע זייגער רוקעריי זייער נישט פאפולער אין אמעריקע, עס זענען שוין דא אסאך לענדער וואס האבן עס מבטל געווען. רוב רובם ווילן טאקע מען זאל אויפהערן דעם איינפיר פון רוקן די זייגערס צוויי מאל א יאר, אבער עס איז זייער שווער זיך צו פאראייניגן וועלכע זייגער מען זאל לאזן.

מיט עטליכע יאר צוריק איז געווען א פארשלאג אין די געזעץ הייזער אין אמעריקע ווען מען האט געוואלט מבטל זיין דעם "ווינטער זייגער", אזוי אז די פאררוקטע זייגער זאל אנהאלטן א גאנץ יאר, וואס איז גאנץ לייכט דורך אין קאנגרעס, אבער איז דורכגעפאלן אין סענאט.

צייט איז דער גרעסטער שונא פאר'ן מענטש אויב מען איז נישט וואכזאם צו אים, דאס לעבן פליעט דורך זייער שנעל, און עס נעמט נישט לאנג און מען דערזעט זיך אז עס איז דורך פילע יארן וואס איך האב עוסק געווען אין "וויכטיגע" זאכן, פון וואס עס איז גארנישט געבליבן. פאריגע וואך איז געווען כ"א כסליו ווען מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט גראטעוועט דעם הייליגן סאטמארן רבי'ן זי"ע, ווען דער קאנדאקטער האט באשלאסן אריבער צו פארן דעם גרעניץ קיין שווייץ. אבער וואס וועט זיין מיט דיר? וואו קען מען טרעפן דעם באן וואו זיך ארויפצוכאפן און זיך ראטעווען דערמיט פון די נאציס, פון די כפירה, פון די שמוץ שטורעמעס וואס בוזשעווען? דער אייבערשטער האט דיר אויך אנגעגרייט א באן. דער באן האט זיך נארוואס אפגעשטעלט אויף א סטאנציע וואס הייסט "מסכת סנהדרין", כאפ זיך ארויף דערויף היינט, און ווילאנג דו וועסט זיך האלטן אויף דעם באן, וועסטו בלייבן אן ערליכער איד.

דער פריערדיגער פארשלאג וואס וואלט איינגעפירט די גערוקטע זומער זייגער א גאנץ יאר וואלט שטארק אויסגעמאכט פאר אונז לגבי שחרית אין די ווינטער חדשים, צום ביישפיל אין די יעצטיגע צייט איז דער נץ החמה ווען מען קען דאווענען שמונה עשרה פון שחרית בערך 7:15 אין ניו יארק, אויב וואלט מען געלאזט דעם זומער זייגער אויך אום ווינטער וואלט מען נישט געקענט דאווענען שמונה עשרה פאר בערך 8:15 וואס וואלט זייער שווער געמאכט פאר די ארבייטער וואס דארפן זיין אין די ארבעט זייער פרי. פון די אנדערע זייט וואלט עס אפשר געהאלפן די וואס שטייען אויף שפעטער זיי זאלן קענען דאווענען טעגליך ביים נץ.

דער יעצטיגער פארשלאג וואס טראמפ וויל דורכפירן וועט טוישן די זמנים פון זומער. צום ביישפיל ווען די זמן ווערט דאס שפעטסטע אום זומער, קען מען נישט דאווענען מעריב (רבינו תם) פאר בערך 9:45, אבער לויטן נייעם ביל וועט דער זמן זיין בערך 8:45, וואס וועט שטארק ארויסהעלפן די וואס ווילן זיך לייגן פריער צו קענען אויפשטיין פריער לערנען און דאווענען.

נישט קיין חילוק צי דער פרישער פארשלאג וועט דורכגיין אדער דורכפאלן, מאך זיכער אז דו ביסט נישט קיין דורכפאל. נעם דיר נאר אפאר מינוט יעדן טאג, הייב אן צו מעביר סדרה זיין פון זונטאג, און דו וועסט אנקומען זייער ווייט, "וועסט וויסן וואו דער אייבערשטער וואוינט" (הרה"ק רבי מרדכי מנודבורנא זי"ע) און וועסט ווערן אן ערליכער איד.

**ניץ אויס די צייט!**

# געדאנקען

## ווער ביסטו אינגל?!
## וויאזוי הייסטו אינגל?!

אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט יעצט אנגעהויבן פארלערנען מסכתא סנהדרין צום דריטן מאל, האב איך זיך דערמאנט פון יענע זיסע טעג ווען די בית המדרש היכל הקודש איז איינגעשטאנען אויף בעדפארד עוועניו, צווישן פען און ראטלידזש.

(יעצט איז אויך זיסע טעג... נאר איך געב זיך א דערמאן פון יענע טעג און יענע פלעיווער זיסקייט... יעדן טאג וואס מ'לערנט דעם רבי'נס עצות איז זיס, אין היכל הקודש איז "נאסטאלגיע" א שוואך ארטיקל... ווילאנג יענער "בענקט" זיך צו די "עכטע" אמאל, מיט די "עכטע" "ארגינעלע" חן, כאפ איך א פרק משניות און דו ווארט מיך ביים קארנער מיט א ארגינעלע באַ'חן'דלטע עכטע שירעם).

איך דערמאן זיך יעצט צוויי זאכן פון דעמאלטס, איינס ווי דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט מסכתא סנהדרין פרייטאג צו נאכטס נאכ'ן דאווענען, און איך דערמאן זיך ווי איין פרייטאג נאכמיטאג בין איך דארט אריינגעקומען און פלוצלונג זע איך דאס אומגלויבליכע! א בריוו אויף אידיש! מוהרא"ש האט אנגעהויבן שרייבן אויף אידיש! כ'האב געמיינט אז איך גיי חלש'ן! ס'איז אויס וועלט! אשר בנחל אויף אידיש! וואס נאך קומט באלד?! ס'איז דאך זיסער פון זיס! צוקערדיגער פון צוקערדיג! היינט איז מען שוין צוגעוואוינט, אזוי קומט עס, אשר בנחל אויף אידיש, אבער דעמאלטס איז עס געווען א נייע זאך, קיינער האט נישט גע'חלום'ט אז ס'קומט אזוינס.

דאס פלאץ איז געווען ליידיג, איך הייב אן ליינען די הארציגע בריוו, (דאטירט ג' וישב, כ"א כסליו, תש"ע) עס גיסן טרערן פון די אויגן אן אויפהער! אוי מוהרא"ש'ס הארץ! אוי די הארץ פון א צדיק! ווילאנג א מענטש ווייקט זיך נישט אין די ספרים פון א צדיק האט ער נעבעך א מיינונג אויף'ן צדיק, ווען א מענטש לערנט דעם צדיק'ס ספר פילט ער ווי דער צדיק טענה'ט אין הימל פאר אים און פאר אלע אידן. מ'זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים אז ער האט געזאגט פאר זיין תלמיד: הלואי זאלסטו ליב האבן דעם העכסטן איד ווי איך האב ליב דעם נידעריגסטן איד.

מוהרא"ש פלעגט צו זאגן, לגבי די גרויסע מחלוקת וואס מ'האט כסדר געקריגט אויף אים און געמאכט ליצנות, אז ס'איז יתכן אז לאחר הסתלקותו וועט זיין די זעלבע מחלוקת אויף אים אין הימל, אז ס'איז יתכן אז מ'וועט אים נישט וועלן אריינלאזן אין היכל פון רבי'ן "אבער איך וועל זיך נישט דערשרעקן, איך וועל זיך זעצן אויף א קליינע איבערגעדרייטע בלעך (אין ארץ ישראל האט מען גערופן די אלטע בלעכענע מיסט קאסטענעס, א מיסט-בלעך, אדער אין קורצן, א בלעך) ביי די טיר פון רבי'נס היכל און ווייזן פאר אלע נשמות, גייט אריין דא! דא וועט איר באקומען א תיקון! אפילו מ'וועט מיך נישט אריינלאזן, וועל איך אלעמען אריינשיקן צום רבי'ן".

ממש וואס דער רבי זאגט אין סיפורי מעשיות, מעשה י', אפילו מען האט אים אזויפיל מאל שוין פארווארפן צוויי הונדערט מייל נאכן דערציילן דעם סוד ווי אזוי מען קען באקומען די בת קיסר, און נאכן ווערן - פון די אלע וועם ער האט געהאלפן - פארווארפן צוויי הונדערט מייל - איז ער געגאנגען פון פריש און דערציילט פאר פרישע תלמידים נאך מער עצות און נאך מער וועגן ווי אזוי מען קען זוכה זיין באקומען די בת קיסר. מוהרא"ש שרייבט בריוון און איז מחזק אן א שיעור מענטשן, און אזוי סאך פון זיי דערווייטערן זיך פון אים, און יעצט הייבט זיך אן א נייע זאך פון בריוון אויף אידיש? ווי קען זיין א מענטש מיט אזא אויסהאלט-קראפט?! ווי קען א מענטש האבן אזוי סאך סבלנות?! אלע לאכן, אלע שפעטן, און יעצט הייבט מען אן מיט א פרישקייט שרייבן אידישע בריוון פאר צוואנציג יעריגע אינגעלייט... מבהיל הרעיון!

יעצט ווען איך דערמאן זיך ווי דער ראש ישיבה האט דעמאלטס פארגעלערנט סנהדרין, דערמאן איך זיך ווי איך דארף בענטשן גומל אז איך בין נישט אריינגעפאלן אין די דעמאלטסדיגע סכנות'דיגע נעץ פון פרומע דערהויבענע וואס פלעגן לויפן צו מוהרא"ש זיך אפרעדן אויף דאס און יענץ, ווייל זיי האבן נישט געקענט צוקוקן ווי בחורים מיינען אז מ'קען עפעס "סתם זאגן משניות און שוין"...

וואס מיינט "און שוין"? אפשר מיינסטו אז מ'קען "סתם זיין ביזי מיט א צווייטן און שוין"?!

וואס איז די "און שוין" ביזנעס דא?!!

זאג מיר וואס איך טו נישט גוט אז איך זאג משניות "און שוין"? בשעת דו עסט סתם דעלקעלעך אין טאג פון די יארצייט "און שוין"?!

וואס האקסטו א קאפ "און שוין"?!

ברוך השם עס איז א גרויסע נס אז איך האב געהארכט וואס

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

מוהרא"ש האט מיר געזאגט ווען די ישיבה איז געווען אויף פרענקלין עוועניו אין "קלעסן" בית המדרש, מוהרא"ש איז געקומען באזוכן די ישיבה, און אלע זענען אדורך, און געקושט די הענט, ווען איך בין אדורך מיט מיינע זון, ר' יוסף נ"י און ר' הערשל נ"י האט מוהרא"ש געגעבן א זאג: ווען זיי וועלן ווערן בר מצוה וועסטו זיי אריינלייגן דא אין ישיבה (ס'איז נאכנישט געווען דעמאלטס די ברסלב'ע חדר, זיי האבן געלערנט אין א אנדערע חדר). א נס האב איך אז איך האב געפאלגט.

ווען ר' יוסף נ"י איז געווארן בר מצוה, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט בערך א חודש פריער: ווען קומט יוסי אין ישיבה? (די ישיבה איז דעמאלטס געווען אויף דרייצנטע עוועניו, ביי אכט און פופציג, דעמאלטס איז שוין יא געווען די ברסלב'ע חדר און ר' יוסף האט געלערנט אין חדר), האב איך געזאגט: נאך די בר מצוה, זאגט דער ראש ישיבה: וואס עפעס? ער קען שוין קומען מארגן אין ישיבה, ער וועט גיין מיט א ווייסע העמד ביז די בר מצוה, און ער קען שוין פון מארגן זיין אין ישיבה.

אזוי האמיר געטון, דעמאלטס פלעגט מיין טייערע מחותן ר' אהרן וועבערמאן נ"י פארן קיין בארא פארק יעדן טאג מיט די רויטע TOYOTA SIENNA וואס ליגט היינט ביי ר' שמעון נ"י דער איידעם פון דעם מנהל ר' מרדכי נ"י, ר' אהרן פלעגט טראגן דעם ראש ישיבה שליט"א קיין בארא פארק מיט נאך בחורים צאמגעשטופט. און ר' יוסף איז אפיציעל אריבער פון חדר צו ישיבה עטליכע וואכן פאר די בר מצוה, יעדן טאג געקומען מיט די רויטע מיניוואן.

אזוי ווי יעדער ווייסט טוט מען דאך אין ברסלב'ע ישיבה דאס וואס צדיקים האבן איינגעפירט אז מ'מוז גיין נאך געלט. איין טאג, אין די תקופה וואס ר' יוסף האט געלערנט דארט אין ישיבה, פאר

וואס?! ברסלב?! וואס ברסלב?! ברסלב האט א חדר???! זאג מיר דיין גאנצע געשיכטע שוין!!!!! וואס מיינט דאס א אינגל גייט נאך געלט אינמיטן העלן טאג?!

די בר מצוה, א אינגל מיט א ווייסע העמד, און דער ראש ישיבה זאגט פאר די בחורים, אז היינט איז באשטימט צו גיין נאך געלט, די ישיבה איז היינט פארמאכט, יעדער גייט נאך געלט און מארגן וועט מען זען ווער ס'איז געגאנגען היינט נאך געלט און ווער נישט. ס'איז געווען אזוי בערך מיטאג צייט, אפשר צווייע דרייע נאכמיטאג.

אונזער טייערע ר' יוסף זעט זיך אליין! די ישיבה איז געווארן פארמאכט! יעדער גייט ארויס! וואו שטעל איך דעם ערשטן שריט? א יונג קינד אין א ישיבה וואס לערנט אויס וואס די לעבן איז.... וואס טוט מען?

וואס הייסט וואס מ'טוט? מ'טוט וואס א ערליכער איד הייסט!

גיין נאך געלט? איז גיין נאך געלט!

אומר ועושה, מ'קלאפט אויף עטליכע טירן, ביז... ביז... מ'גייט היינט באקומען א לעקציע וואס די לעבן איז... ס'גייט נישט אלעס אייביג ווי מ'וויל... נישט אייביג גייט יעדער טאנצן אויף מיין לידעלע....

KNOCK KNOCK NOCK

ווער איז דארט? צדקה!

צדקה? וואס צדקה? ווען צדקה?! ווער ביסטו אינגלע?! וויזוי הייסטו אינגלע?! וואו לערנסטו אינגלע?!

אין ברסלב!

וואס?! ברסלב?! וואס ברסלב?! ברסלב האט א חדר???! זאג מיר דיין גאנצע געשיכטע שוין!!!!! וואס מיינט דאס א אינגל גייט נאך געלט אינמיטן העלן טאג?!

איך גיי פאר ברסלב! איך לערן אין ברסלב!

האק נישט קיין קאפ! נישטא קיין ברסלב'ע חדר! ווער איז דיין טאטע? וואס איז די מעשה דא?! איך האב דא א ביזנעס דיירעקטערי! איך האב דא א ליסטע פון אלע חדרים דא אין בארא פארק! ברסלב איז נישט אויף די ליסטע! נישטא קיין ברסלב'ע חדר! זאג מיר דיין גאנצע מעשה שוין!!!! וואס גייט דא פאר!!!

איך ווייס נישט פונקטליך די סוף פון די מעשה דעמאלטס, אבער דוכט זיך מיר די סוף פון די מעשה איז אז ברוך השם די תלמידים דא וואס זענען געגאנגען נאך געלט האבן באקומען ערשטהאנטיגע טרעינינג אויף נישט צופאלן אין א אומבא'טעמ'טע מצב. אז מ'פאלגט א ערליכע איד קומט מען אן צו שיינע זאכן. די שוועריגקייטן גייען אוועק און די גוטע זאכן בלייבן.



# מעשיות פון תפילה

## בערל שניצלער

קרית ברסלב

1. מיין קאר האט אנגעהויבן צו ווייבערעיטן און שאקלען אינמיטן אריינפארן אין שטאט, איך האב נישט געוויסט וואס דאס איז, איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיך אויפהערן, שכח אייבערשטער נאך אפאר סקונדעס - וואס האט אויסגעקוקט גאר לאנג - האט זיך דאס אויפגעהערט.

2. איך בין געגאנגען צום דענטיסט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אדורכגיין גרינג און שנעל אן קיין שוועריקייטן און יסורים, שכח אייבערשטער ס'איז אדורך זייער געשמירט.

3. איך האב געלאזט מיין הוט אין כיתה, נאך חדר קען מען נישט אריינגיין אינעם בנין, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן מיין הוט, שכח אייבערשטער איך האב עס געקענט באקומען.

4. איך האב פארלוירן מיין בערזל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

## שטעטל איינוואוינער

קרית ברסלב

פאר שבת חנוכה האבן די איינוואוינער געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין געשמאקע וועטערס, ס'זאל נישט זיין קאלט, כדי מ'זאל קענען קומען מיטהאלטן שבת ביים ראש ישיבה.

און וואונדער איבער וואונדער, די וועטערס זענען געווען הערליך שיין, דאס איז נאכדעם וואס אפאר טעג פארדעם איז געווען גאר קאלט.



# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

### סימן רס"ג סעיף י"ב

מיר האבן פאריגע וואך מפסיק געווען מיט הלכות חנוכה, מיטן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר צוריק צו הלכות הדלקת נרות שב"ק.

מיר האלטן אינמיטן די הלכה אז א שטאט וואס האט נאר איין שול און איין מנין, איז ווען דער מנין דאווענט קבלת שבת, דעמאלט זענען זיי מקבל שבת, [136] און די גאנצע שטאט, סיי די וואס זענען אין שול און דאווענען מיט, סיי די וואס זענען נישט אין שול, פרויען און קינדער, אדער א חולה ר"ל, אלע ווערן מיטגעשלעפט און זענען אסור צו טון מלאכות, [137] סיי דאורייתא, סיי דרבנן. [138]

אפילו ס'איז נאך פרי ס'איז נאך פארן זמן, טאמער מ'האט מקבל שבת געווען אין שול איז געהעריג שבת.

חוץ לגבי די איסור פון "אמירה לעכו"ם" - זאגן פאר א גוי מעג מען נאך יא אפילו מ'האט שוין מקבל שבת געווען, ביז די שקיעה קען מען אלעס זאגן פאר א גוי צו טון.

לצורך מצוה - לצורך שבת - אדער א זאך וואס מ'וויל זייער שטארק (טריד ונחפז) וואס אויב מ'וועט עס נישט זאגן פארן גוי יעצט צו טוהן וועט מען האבן צער א גאנץ שבת, מעג מען זאגן פאר א גוי ביז נאכט ממש [אפילו בין השמשות מעג מען זאגן פאר א גוי] [139].

איינער וואס האלט מוצאי שב"ק ביים רבינו תם זמן, קען זאגן פאר א גוי עש"ק ביז די זמן. [140]

אויב אבער ס'איז דא מערערע שוהל'ן מערערע מנינים דעמאלט מעגן די וואס דאווענען נישט מיט, טון מלאכות ביז'ן שפעטסטן מנין אין שטאט. [141] און אפילו א פרוי איז דער מנהג אז זי איז מקבל שבת, דאס מיינט אז זי צינדט ליכט ווען דער מאן איז מקבל שבת - ווען ער דאווענט. [142]

אבער מעיקר הדין מעג זי טון מלאכות ביזן זמן און ערשט דעמאלט צינדן. [143]

**פ"ה)** אפילו א מענטש וואס דאווענט יעדע וואך אין א געוויסע שוהל/מנין ווערט ער נישט נאכגעשלעפט. [144]

**פ"ו)** נאך א פאל וואס איז נוגע דעם דין, למשל ביי א שבת התאחדות אין א האטעל, [145] און ס'איז דא נאר איין מנין, דעמאלס ווערט יעדער דארט נאך געשלעפט, אויב ס'איז דא אפאר מנינים ווערט נישט נאכגעשלעפט.

**הקדמה קצרה:** ס'איז דא א מחלוקת צווישן די חכמים און רבי יהודה (גמרא מסכת ברכות, כו: כז.) ווען עס ענדיגט זיך די זמן פון מנחה, און ווען הערט ייבט זיך אן די זמן פון מעריב. ר' יהודא האלט פלג המנחה! אז ביזן פלג דאווענט מען מנחה, און פון די פלג און ווייטער איז די זמן פון מעריב. די חכמים האלטן ביז נאכט! ביז נאכט קען מען דאווענען מנחה, און ערשט ביינאכט ממש, הייבט זיך אן די זמן פון מעריב. און די גמ' פירט אויס, היות מ'האט נישט אויסגע'פסק'נט ווי קיינער פון די צוויי, איז ווי אזוי מ'טוט איז גוט. און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע (סי' רל"ג סעי' א').

אבער דער מחבר לייגט צו, אז מ'זאל זיך שטענדיג פירן ווי איין וועג, אדער שטענדיג מנחה פארן פלג און מעריב נאכן פלג, אדער מנחה ביז נאכט, און מעריב איינמאל ס'איז נאכט. חוץ פון א שעת הדוחק, דעמאלס אפילו מ'דאווונט מנחה נאכן פלג מעג מען דאווענען מעריב פארן פלג. [146] און אזוי אויך ערב שב"ק קען מען שוין דאווענען קבלת שבת - מעריב - און מקבל שבת זיין פונעם פלג און ווייטער.

**פ"ז)** אבער דער הייליגער מחבר זאגט, אז דאס אלעס איז נאר אויב מ'ווייסט וואס מ'טוט, דהיינו איך ווייס אז יעצט איז נאך פארנאכט, און איך וויל דאווענען מעריב און מקבל שבת זיין, אויב אבער א איד דאווענט מעריב - מקבל שבת, מיינענדיג אז ס'איז שוין נאכט, און נאכדעם זעט ער, אז ער האט א טעות געהאט ס'איז נאך נישט נאכט, אפילו ס'איז געווען נאכ'ן פלג, האט ער גארנישט געטון, דהיינו ער מעג טון מלאכות, ווייל ס'איז אזוי ווי ער האט נישט מקבל שבת געווען - און ער האט נישט יוצא געווען מעריב, ער דארף איבער דאווענען מעריב.

**פ"ח)** אויב ס'איז געווען א גאנצער ציבור וואס האט געמאכט די טעות דעמאלס, האט מען נישט מטריח געווען איבער צו דאווענען, אבער טון מלאכות מעג מען, היות למעשה איז די קבלת שבת געווען בטעות.

**פ"ט)** אזוי איז אויך די דין אינדערוואכן, א איד וואס דאווענט שטענדיג מעריב נאך דעם זמן פונעם צאת ווייל ער דאווענט מנחה נאכ'ן פלג, און איינמאל האט ער געדאווונט פריער פונעם זמן מיינענדיג אז ס'איז שוין די זמן, האט ער נישט יוצא געווען ער דארף איבער דאווענען מעריב, טאמער האט ער געוואוסט און ער האט געוואלט דעמאלט דאווענען, למשל בשעת הדחק וכדומה איז יא גוט [147].

## מקורות והערות

**136)** כמבואר בשו"ע סי' רס"א סעי' ד', עי' במשנ"ב סקל"א שם. **137)** מחבז סי' רס"ג סעי' י"ב. **138)** כמבואר בסי' רס"א במשנ"ב שם סקכ"ח. **139)** הכל מבואר במג"א ס' רס"א סק"ז.

**140)** ואפי' אינו מחמיר אלא לשיטת לר"ת ג"כ מותר, כ"כ בשו"ת אגר"מ ח"ד סי' ס"ב. 141) מג"א סקכ"ד. **142)** כ"כ בשו"ת מגדנות אליהו ח"א סי' פח.

**143)** כי בעצם כ' בפרמ"ג משבצ"ז סק"א וז"ל בא"ד, ובתפילה במיעוט נמשכים אחרי הרוב ומשמע הוא הדין אחד גדול הבית! אבל ידוע, דהרבה גדולי הפוסקים חלקו על הפרמ"ג בזה, שו"ת מהר"י שטייף חאו"ח סי' מ"ב שו"ת מנחת יצחק ח"א סי' כ"ד שו"ת רב פעלים ח"ב סי' מ"ט, שו"ת באר משה ח"ב סי' ט"ו - בשו"ת מגדנות אליהו ח"א סי' פ"ח כ' בת"ד אלא שנהיגי שוגררות אחר ביהכנ"ס ששם מתפלל הבעל מילא, היות דגדולי אחרונים חלקו כאמור, מילא יכולה האשה לסמוך בשופי:

**144)** איה"נ דבמחצית השקל סקכ"ד ד"ה אין אחת, כ' ואותן שדרכם לילך לביהכנ"ס תמיד, נמשכים אחר אותו בית הכנסת - אף שאין זה לשונו ממש: קודם כל, שו"ע תניא, סא' י"ט, דאם הוא אינו בבית הכנסת אז בקבלת שבת אין הוא נמשך אחר הבית הכנסת. שנית בהלכות שבת בשבת ח"א פ"ג סט"ו, כ' חידוש גדול, דאפי' הוא נמשך אחר הביכנ"ס שבו מתפלל תמיד, זהו רק שבשום אופן לא יתפלל בביהכנ"ס אחר, דהיינו כגון שהוא מתפלל בנוסח מיוחדת שאין עוד בית הכנסת שמתפלל באותו נוסח, ולהיום כמעט שאין זה כמעט שייך, שיש מכל נוסח הרבה בתי מדרשים, ואפי' אם יש לו בית מדרש קבוע, אבל יכול הוא, אם הוא רוצה, להתפלל בבית המדרש אחר.

**145)** שו"ת שבט הלוי ח"ט סי' נ"ו.

**146)** ע"י כ"ז בסי' רל"ג - והפרטי דינים.

**147)** ביאור הלכה ד"ה ואם יחיד, כאן בסי' רס"ג.

# קוק אהער

## אפשר לעב איך אין עולם התוהו?

אההה שבת חנוכה אין שטעטל... די שיחות, די שמועסן, די שיעורים, די התחזקות, די שיינקייט, די ווארעמקייט, אההה.

איך וואלט זייער שטארק געוואלט שילדערן דא דעם הערליכן שבת (אנגעהויבן שוין פון דאנערשטאג נאכט) וואס מיר האבן זוכה געווען מיטצולעבן דא שטעטל שבת חנוכה מיטן ראש ישיבה.

אבער אויב וועל איך אפשרייבן אלע מיטלעבענישן, אלע שיחות, אלע שכל וואס מיר האבן זוכה געווען צו מקבל דעם שבת פונעם ראש ישיבה, וועט די בלעטל ווערן א פולע בוך....

גאנץ שבת האבן מיר אנשי שלומינו געווינקען 'דא האסטו א גוטס צו קענען באשרייבן...' צו איז עס געווען פרייטאג צונאכטס ביים באטע ווען דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט אויפן בענקל און אנגעהויבן דורכגיין עטליכע חסידותער פון וואו אנשי שלומינו קומען, און געפרעגט: "וואסערע עבודות דארף מען טון אין קלויזנבורג צו זיין פון די שפיץ? וואס דארף מען טון אין סקווירא צו ווערן גערעכנט אלס א חשובער? וועלכע עבודה טוט מען אין וויזשניץ צו זיין פון די העכערע סארט אינגעלייט? וואס דארף מען טון אין באבוב צו זיין פון די חשובע פני העדה?

איבעראל ביי יעדן איינעם איז דא שווערע עבודות, עניינים, מנהגים יעדער האט זיך זיין זאך וואס ווען מ'טוט דאס ווערט עס פארערכנט אלס שפיץ!

אבער ביים רבי'ן איז גאר לייכט צו זיין פון די סארט אידן, יעדער איינער קען זייער לייכט אנקומען צום שפיץ! וואס דארף מען טון? מען דארף זינגען זמירות שבת, דאס איז א עיקר אין אידישקייט! נישט דא קיין שווערע עבודות צו קענען זיין פון די שפיץ אידן ביים רבין...

אדער גאר שפעטער נאכן באטע ווען דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט אנשי שלומינו און גע'חזר'ט די אלטע זכרונות פון אמאל פון די זומער אין בעהוץ קעמפ, און נאכדעם אין עקבי הצאן, די מעשה ווי אזוי מוהרא"ש האט געזאגט פארן ראש ישיבה ערב שבת - ווען מוהרא"ש איז געקומען זיין מיט די בחורים אין קעמפ שבת - אז ער האט זיך שוין גע'טובל'ט פאר שבת אינדערפרי, אבער ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז דא א קוואל האט מוהרא"ש געזאגט אז אין קוואל וויל ער זיך יא טובל'ען.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די קוואל איז געווען גאר קאלט, ס'ליגט אים נאך אין די ביינער ווי מוהרא"ש האט געגעבן א קוויטשע ווען ער איז זיך געגאנגען טובל'ן, אזוי קאלט איז דאס געווען...

דער ראש ישיבה האט פארציילט זייער אסאך היסטאריע פון די בראשית טעג פון די ישיבה ווי אזוי ער איז געווען אויף נעכט אויף נעכט מיט מסירת נפש צו פארענדיגן דעם בנין הישיבה אויף סקילמאן אין וויליאמסבורג.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פון די זומער ווען מוהרא"ש איז געקומען אין קעמפ טיילן שידוכים. דער ראש ישיבה האט אויפגעוויקלט זייער אסאך זכרונות פון אמאל.

נאכן שמועס האט מיר איינער געפרעגט "וואס טראכסטו ווען דו הערסט די אלע שמועסן? דו ביסט דאך נישט געווען דארט... דו פילסט נישט ווי דו האסט אזוי פיל פארפאסט? ס'קומט דיר נישט ארויף קיין שולד געפיל?"

איך האב זיך דערמאנט די מורא'דיגע מעשה וואס ר' אייזיק אפפעל האט מיר פארציילט אויפן וועג אהיים פון אומאן אויפן טרעין, אז אין די ערשטע תקופה פון ישיבה ווען דער ראש ישיבה איז נאך דעמאלט געווען זייער אינג און ר' אייזיק האט געטראכט צו זיך לאמיר גיין מחזק זיין דעם אינגערמאן וואס איז אריינגעשפרינגען דא מיט א מסירת נפש צו עפענען א ישיבה אויפן רבינ'ס נאמען.

איין טאג איז ער ארויפגעגאנגען אינמיטן טאג דאווענען מנחה אין ישיבה, צו מחזק זיין דער ראש ישיבה... נאך מנחה זענען די בחורים אריין צום שיעור, און דארט ביים שיעור צימער איז געווען א פענסטער פון וואו ער האט געקענט

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



הערן די שיעור.

ר' אייזיק פארציילט: "איך האב געטראכט צו זיך לאמיר הערן אביסל ווי דער ראש ישיבה לערנט פאר".

איך האב צו געבויגן אן אויער, און דאס איז געווען די ערשטע און די לעצטע מאל וואס איך בין געגאנגען מחזק זיין דער ראש ישיבה.... איך בין געזעסן דארט און געהערט די זיסע דיבורים ווי דער ראש ישיבה לייגט אריין אין די בחורים תורה יראת שמים, א ליבשאפט צום אייבערשטן, איך האב פארגעסן אז איך האב ארבעט, אז איך האב א לעבן, אז מענטשן ווארטן אויף מיר, אז ס'איז דא אזא זאך ווי א זייגער, איך געבליבן דארט צוגענאגלט דעם אויער צום פענסטער און זיך פשוט נישט געקענט אוועקרירן פון דארט...

שפעטער אויפן וועג אהיים האב איך געהאט אביסל שיחות חברים מיט איינע פון אנשי שלומינו, און איך האב אים פארציילט די גאנצע שמועס וואס מענטשן פרעגן מיר כסדר "וואס טראכסטו ווען דו הערסט די אלע היסטאריע?"

ער זאגט מיר "קוק אהער, איך האב א נאנטער קרוב וואס איז אויך געווען ביי אלע די פלעצער, ער איז געווען דעמאלט זומער אין בעהוץ, און אזוי אויך ביי עקבי הצאן, ער האט זיך אויך גע'טובל'ט אינעם קוואל.... אבער וואו איז ער היינט?"

וואס מאכט א נפקא מינה די אלטע מעשיות, האסט זוכה געווען צו זיין אין היכל הקודש היינט? מאך א טענצל, דאנק דעם אייבערשטן, און בעט אז מארגן זאלסטו נאך אויך דא זיין!

צו זאל איך שרייבן וועגן די שכל וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן ביי סיפורי מעשיות. דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה מיט די חכם און דער תם, ווי אזוי דער חכם האט פון אלעס געמאכט ליצנות דער ראש ישיבה האט געזאגט: דער לץ זוכט נישט קיין ענטפער! ער איז גאנץ ווייניג נייגעריג צו הערן ווי אזוי דו ווערסט פארענטפערן דעם רבי'ן...

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען ער איז מקורב געווארן זענען געקומען צו אים לצים און אים געפרעגט: "וואס איז פשט פון דעם נאמען מוהרא"ש?" איך האב זיי געענטפערט: "ס'איז זייער א פאני נאמען, איך ווייס טאקע נישט פשט אין דעם נאמען..." האבן זיי ווייטער געפרעגט: "וואס איז פשט אז מוהרא"ש גייט מיט א ווייסע בעקיטשע?" איך האב זיי געזאגט: "טאקע ס'איז זייער אויפפאלנד, איך ווייס טאקע נישט, ס'איז זייער אינטערעסאנט..." אזוי האבן די לצים געזען אז זיי האבן נישט מיט וועמען צו רעדן האבן זיי אפגעלאזט...

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען ר' יואל מענדלאוויטש האט געלערנט אין ישיבה האט אים אמאל א איד אפגעשטעלט און געפרעגט: "זאג נאר וואו לערנסטו?

"אין היכל הקודש ביי דער ראש ישיבה".

"דו ווייסט אז" - און ר' יואל האקט אים איבער "אז היכל הקודש איז נישט ברסלב?"

"יא יא..."

"און דו ווייסט אז" - ר' יואל האקט אים נאכאמאל איבער "אז די שיחה ע"ו פון רבי'ן מיינט נישט ממש זאגן?"

"יא יא" ענטפערט יענער...

דאס איז די וועג, ווען ס'קומט צו דיר א לץ גיי נישט אריין אין קיין דין ודברים, קיינמאל נישט טענה'ן מיט א לץ!

וואס זאל איך אייך זאגן, איך ווייס בכלל נישט ווי אנצוהייבן צו קענען באשרייבן אזא שיינע שבת. אויפן וועג צו שלש סעודות אין ביהמ"ד פעולת הצדיק האב איך געטראכט צו זיך וואס וועט למעשה

זיין מיט אן ארטיקל? וואס וועל איך למעשה שרייבן?

איך האב גענוצט די זיסע עצה וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז - איך האב געבעטן דעם אייבערשטן! אייבערשטער שיין מיר אריין וואס זאל איך שרייבן פון דעם שיינעם שבת.

אזוי ווי איך קום אריין אין שול באגעגן איך ר' ישראל פוקס און איך פרעג אים "וואס האסטו געהערט היינט צופרי פון דער ראש ישיבה ביי סיפורי מעשיות?"

"אההה דער ראש ישיבה האט פארציילט וואס פאר א פנים ס'האט ווען דער לץ קומט דיר אפרעדן פון היכל הקודש פון רבי'ן, ווי אזוי קוקט ער אויס, דער חכם איז געווען א קבצן, א היימלאזער פארשוין, אן אפגעריסענער אפגעשליסענער אבער פול מיט ליצנות אויף צדיקים. איינער קומט דיר חוזק מאכן פון רבי'ן פון היכל הקודש קוק אים אן ווי אזוי ער קוקט אויס. ער האט דאך גארנישט! וואס ווילסטו? זאל איך אויסקוקן ווי דיר אן אויסגעשפילטער?"

ר' ישראל פארציילט מיר ווי אזוי ווען דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם האט ער זיך דערמאנט אז אין אומאן איז אמאל געקומען צו אים אן אלטער בחור - ממש ווי אזוי דער ראש ישיבה האט עס געזאגט - א היימלאזער אן אפגעריסענער, און ער הייבט צו רעדן אויף דער ראש ישיבה! איך האב דעמאלט געטראכט ממש דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט "וואס ווילסטו איך זאל אפלאזן א צדיק און אויסזען ווי דיר?..."

מיר האבן געשמועסט נאכדעם וועגן די מורא'דיגע מעשה וואס דער ראש ישיבה האט פארציילט פון רבי נתן, אז ער האט געהאט א תלמיד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער און רבי נתן האט אים אנגעווינטשן א קינד.

## "קוק אהער, איך האב א נאנטער קרוב וואס איז אויך געווען ביי אלע די פלעצער, ער איז געווען דעמאלט זומער אין בעהוץ, און אזוי אויך ביי עקבי הצאן, ער האט זיך אויך גע'טובל'ט אינעם קוואל.... אבער וואו איז ער היינט?"

שפעטער איז ביי דעם איד איינגעשטאנען א רבי א גוטער איד וואס איז נישט געווען פון די וואס האבן געהאלטן פון רבי נתן... פארן אוועקגיין האט ער געפרעגט דעם איד "וואס קען איך אייך אנווינטשן?" רופט זיך דער גבאי פון יענע רבי אז "דער איד האט נאכנישט קיין קינדער!"

זאגט דער איד דער ברסלב'ער חסיד "קינדער האב איך שוין פון מיין רבי! ער האט מיר שוין אנגעווינטשן קינדער!"

זאגט יענע רבי "אההה דאס איז אמונת צדיקים!"

דערווייל איז ר' משולם פייש פעלבערבוים אריינגעקומען אין שול און איך פרעג אים "וואס האסטו היינט געהערט פון דער ראש ישיבה?"

"אההה" זאגט ר' משולם פייש "דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עולם התוהו דאס איז נישט נאר ווען א מענטש ווערט נפטר, דאס איז אויך יעצט ווען מ'לעבט נאך, א מענטש קען זיך אפלעבן א גאנצע לעבן אן צו טראכטן פונעם אייבערשטן, אן ארויסצורעדן א ווארט צום אייבערשטן, נאר זיין פארנומען מיט געלט... דאס איז עולם התוהו. פארדעם קומט מען זיך צוזאמען אויף א שבת קיבוץ, דער רבי נעמט אונז ארויס פון עולם התוהו שוין דא אויף דער וועלט מיר זאלן טראכטן פונעם אייבערשטן און לעבן מיטן אייבערשטן!"

שכח אייבערשטער אז איך האב שוין וואס צו קענען שרייבן אין בלעטל די וואך...

שכח אייבערשטער פאר דעם הערליכן שיינע שבת מעין עולם הבא וואס מיר האבן זוכה געווען צו קענען האבן דא אין שטעטל מיטן ראש ישיבה שליט"א!

אייבערשטער העלף מיר זאלן קענען מיט נעמען די לימודים וואס מיר הערן פון דער ראש ישיבה אויף לעובדא ולמעשה, און טאקע זוכה זיין נישט צו לעבן א לעבן פון עולם התוהו!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

## Egg Boxes

מיר האבן ליידיגע
אייער באקסעס
אוועקצוגעבן ווען
נויטיג.

**Call 347-831-4727**

## Waze Gemach

ווילט איר פארן ערגעץ
און איר דארפט א
waze מאשין צו בארגן?

**Call 929-617-0448**




מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק פעלדמאן הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו**
**וזוגתו שרה אסתר תחי'**

**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

מזל טוב!



# א מעשה
## פון א צדיק

## מוֹסָר פוּן אַ גוֹי!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר פַּרְנָסָה, עֶר פְלֶעגְט פָארְן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט פוּן מְדִינָה צוּ מְדִינָה צוּ קֶענֶען מַאכְן עֶפֶּעס גֶעלְט כְּדֵי צוּ שְׁפַּייזְן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער אִיד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטָאט אוּן עֶר זֶעט וִוי אַ גוֹי טָמֵא בּוּקְט זִיךְ צוּ אַ גֶעטְשְׁקֶע, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֵיין מִיט דֶעם גַאנְצְן עֶרְנְסְטְקֵייט אַז זַיין גֶעטְשְׁקֶע דִי קְלָאץ זָאל אִים גֶעבְּן פַּרְנָסָה.

דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, עֶר גֵייט צוּ צוּ דֶעם עָרֵל טָמֵא אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס טוּסְטוּ דָא? דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אַיין אַז דֶער קְלָאץ פוּן שְׁטֵיין אוּן הָאלְץ קֶען דִיר הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן פַּרְנָסָה? עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט!".



דֶער גוֹי הָאט גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן פְרֶעגְט פוּן דֶעם אִיד: "וֶוער בִּיסְטוּ? אִין וֶועמֶען גְלֵייבְּסְטוּ?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ גְלֵייבּ אִין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס לֶעבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּט אַלֶעס, דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זַיינְס, יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז פוּן אִים, עֶר מַאכְט מֶען זָאל לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה אוּן שְׁפַּייזְט יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִיש פוּן דֶער פִּיצְקֶעלֶע מוּרִיטְשְׁקֶע בִּיז דֶער גְרוֹיסֶע בָּאק", הָאט דֶער גוֹי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֵייסְטוּ? אוּן פַארְוָואס דְרֵייסְטוּ זִיךְ דָא?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין פַּרְנָסָה אִיז זֵייעֶר עֶנְג אוּן שְׁוֶוער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל גֶעלְט, אִיז אִיךְ פָאר אַרוּם פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, פוּן מְדִינָה צוּ מְדִינָה כְּדֵי צוּ שְׁפַּייזְן מַיין מִשְׁפָּחָה", הָאט דֶער גוֹי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִיד: "וָואס? דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן מִיר? דוּ בִּיסְט דָאךְ פּוּנְקְט וִוי מִיר, אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט בֶּאֱמֶת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס לֶעבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּט אַלֶעס, דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זַיינְס, עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה אוּן עֶר שְׁפַּייזְט יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִיש, אִיז פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן אַרוּמְפָארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ מַאכְן גֶעלְט? פַארְוָואס בְּלַייבְּסְטוּ נִישְׁט אִין דַיין הוֹיז אוּן דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט דִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים? דַיינֶע אוֹיעֶרְן זָאלְן זִיךְ גוּט צוּהֶערְן וָואס דַיין מוֹיל זָאגְט!"

דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם גוֹי אִיז אַרַיין אִין דֶעם אִיד, עֶר אַז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז נָאר עֶר וֶועט אִים שְׁפַּייזְן. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיז מֶער נִישְׁט אַרוּמְגֶעפָארְן דִי וֶועלְט.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה דַארְף עֶר נִישְׁט אַרוּמְפָארְן דִי וֶועלְט צוּ מַאכְן גֶעלְט, עֶר בַּאקוּמְט וָואס עֶר וִויל בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער אַז עֶר פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט עֲבוֹדָה זָרָה אִין קָאפּ אַז עֶר קֶען עֶפֶּעס, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אוּן אַרוּמְפָארְן פַאר זַיין עֶסְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ') שֶׁעִקַּר הַטִּלְטוּל שֶׁאָדָם מְטַלְטֵל אֶת עַצְמוֹ מִמָּקוֹם לַמָּקוֹם בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָתוֹ, הוּא רַק מֵחֲמַת פְּגַם עֲבוֹדָה זָרָה. דָאס אַז מֶען פָארְט אַרוּם פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פַאר פַּרְנָסָה, קוּמְט פוּן פְּגַם עֲבוֹדָה זָרָה.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוּן דֶערְנָאךְ זוּכְט מֶען עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען טוּן פַאר פַּרְנָסָה, עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן שְׁטוּבּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט עֶס קוּמְט אַרַיין שֶׁפַע.

(חובת הלבבות - שיחות מוהרא"ש חלק ה' ערך טלטול)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## ק"א

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן פָּארְט מוֹצָאֵי סוּכּוֹת צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, מִיטְ'ן פְּלַאן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ אַהֵיימְצוּפָארְן, אָבֶער דֶער רֶבִּי ווִיל עֶר זָאל דָארְט בְּלַייבְּן.

רֶבִּי נָתָן הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט זוֹכֶה גֶעוֶועוֶן צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיי אִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל צַעַר פוּן דֶעם, עֶר הָאט אָבֶער נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן דֶערְוֶועגְן, אוּן יֶעצְט זֶעט עֶר אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אַלֵיין גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָואס אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אַז שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אִיז מְסוּגָּל פַאר דֶעם, אוּן אַז סוּכָּה אוּן תְּפִלָּה בְּכֹחַ זֶענֶען אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי צַעַר וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן פוּן דֶעם, אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי נָאכְאַמָאל גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן זֵיי וַוארְטְן שׁוֹין קוֹים זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ מִיר גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן", רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֲפִילוּ אָן דֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטְרַאכְט צוּ גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן", אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נָאר זָאלְסְט זֶען אָנְצוּגְרֵייטְן זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ פַאר מִיר אִין שְׁטוּב, אַ בְּחִינָה פוּן "שֵׁשׁ מַעֲלוֹת לַכִּסֵּה" (מְלָכִים-א י', י"ט), וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דֶעם וָא"ו אִינֶעם אַלֶ"ף, וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט אִין דִי תּוֹרָה פוּן שַׁבָּת שׁוּבָה".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, יֶענֶעם ווִינְטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעמַאכְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶעקְס קִינְדֶער, פִינְף זִין אוּן אֵיין טָאכְטֶער.

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן מִיטָאג. דֶער רֶבִּי הָאט תּוֹפֵס גֶעוֶוען זַיין מַחְשָׁבָה אַז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק אַהֵיימְצוּגֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "בִּיז יֶעצְט הָאסְטוּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם 'בָּקִי בְּרָצוֹא', אוּן יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'בָּקִי בְּשׁוֹב'". אוּן פַארְנַאכְטְס אִיז טַאקֶע רֶבִּי נָתָן צוּרִיקְגֶעפָארְן אַהֵיים קַיין נֶעמִירוֹב.

נָאךְ סוּכּוֹת, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ אִיד פוּן נֶעמִירוֹב, דֶער זֶעלְבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן הָאט דַאן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דָאס קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִין סִימָן ת"ט], אוּן יֶעצְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מַזְכִּיר זַיין זוּן וָואס אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעווִיזְן אַ מַאֲמָר אִין פְּרִי עֵץ חַיִּים (שַׁעַר חֲזָרַת עֲמִידָה, פֶּרֶק ז' בְּסוֹפוֹ) וָואס רֶעדְט פוּנֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו', כ"ו) "וְיָשֵׂם לְךָ שָׁ'לוֹם", וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שָׁלֵו", וָואס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן (אִיּוֹב ט"ז, י"ב) "שָׁלֵו הָיִיתִי וַיְפַרְפְּרֵנִי". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן עֶר זָאל פָארְזָאגְן פַאר אִים דֶעם עִנְיָן, אוּן עֶר הָאט עֶס טַאקֶע גֶעדַארְפְט פָארְזָאגְן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ו) אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן מְחִיאַת כַּפַּיִם, פוּן קְלַאטְשְׁן. דֶער אִיד הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דֶעם עוֹל תּוֹרָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בֵּייגְן אוּן נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן זַיין קִינְד אִיז נָאךְ מֶער שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט מִיטְן קִינְד?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

Open all year round for
all your optical needs

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008



פאר די
ברסלב״ע
שטוב
חלומות!
ש. טראכטער:
טויש דיין לעבן
אין דריי טעג
רעסעפי:
Chicken
strips
ש. ח. שטעסל:
א בריוועלע
פון מיין טאטן זצ״ל

ש. טראכטער



# טויש דיין לעבן אין דריי טעג

דו מוזסט עס ליינען. עס וועט דיר טוישן דיין לעבן.זאגט מיר מיין שכנ'טע בשעת זי שטופט מיר עפעס אריין אין די האנט.

איך געב א קוק. א ביכל. איך ליין די טיטל, "טויש דיין לעבן אין דריי טעג." איך קוק אויף די שרייבער. עס זעט נישט אויס ווי א אידישע נאמען.

"וואס איז דאס?" פרעג איך מיט וואונדער.

"א וואונדער ביכל." ענטפערט זי מיט עקסטאז.

"ווער שרייבט דאס? די נאמען זעט נישט אויס אידיש."

מיין שכנ'טע ווערט נישט דערשראקן.

"גערעכט. די שרייבער איז נישט קיין איד. אבער מען נעמט די געדאנק און מען אדאפטירט עס צום אידישן לעבן. איך מיין עס שטייט ערגעץ אז חכמה בגוים תאמין... איך זאג דיר, ליין עס וועסטו אליינס פארשטיין."

איך קוק מיט שאק. זי מיינט עס אמת'דיג? שלום בית פון א נישט אידישע שרייבער? חינוך פון די אומות העולם? היילן מיין נפש מיט פאר'סמ'טע וואסערן? זי מיינט עס ערנסט?

מיין שכנ'טע מיינט אז איך וואקל זיך נאך צו איך זאל עס נעמען אדער נישט, ממילא טוט זי מיר צורעדן מיט באק ציינער.

"דו ביסט א מאמע און א ווייב. דו מוזט פילן שטארק. זייער אפט שפירן מיר נישט זיכער מיט זיך. איך זאג דיר, ווען דו וועסט ענדיגן ליינען די ביכל וועסטו ווערן א נייע מענטש, דו וועסט איינזען די כוחות וואס ליגט באהאלטן אין דיר, די שטארקייט וואס דו האסט קיינמאל נישט געוואוסט אז דו האסט. דו וועסט שטעלן ריכטיגע גרעניצן צו היטן אויף די "זיך" וואס דו ביסט. דו וועסט פארשטיין ווי וויכטיג עס איז זיך צו באקענען מיט זיך אליינס און זיך נאכגעבן וואס דו דארפסט האבן, ווייל א צופרידענע מאמע, מאכט א צופרידענע הויז.

איך האב זיך שיין באדאנקט. שכח אייבערשטער איך האב שוין טועם געווען פון די אונגארישע ווין. מיר קען מען נישט אפנארן. שכח אייבערשטער איך דארף נישט צוקומען צו געזאלצענע וואסער. שכח אייבערשטער איך לעב מיט צדיקים וואס לערנען מיר וואס א אידישע מאמע איז, וואס איר חשיבות

איז. איך ווייס ב"ה מיין שטארקייט, מיינע כוחות און איך ווייס אויך וואס צו טון ווען איך שפיר זיך הילפסלאז און פארלוירן. דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט און מיר צוגעשיקט די לעכטיגע עצות וואס איז מיר כסדר מחזק און מחי'. איך האב ספרים וואס וועקט מיר אויף פון שלאף, און איך האב התבודדות וואס ראטעוועט מיר טעגליך פון אריינפאלן אין אלע נעגעטיווע געפילן.

איך דארף נישט אז די דאקטערקע פון פילאדעלפיע זאל מיר לערנען א (אומ)וועג אין לעבן. דאס אלעס האב איך געטראכט, אבער נישט געזאגט.

מיין שכנ'טע לייגט צו: "עס קומט אויך מיט אן אינטערעסאנטע ווידיא וואס מען ווייזט פאר קינדער פון 15 חדשים ביז די צוויי יאר. עס איז אזא סארט פראגראם אזוי אז די מעטאדן גייען אריין אין די מח פון די קינדער." באשעפער היט אפ אידישע קינדער.

איך געב איר א פרעג: " דו האסט נישט מורא אז וואס דו לייענסט אדער דיין קינד זעט, ווערט עפעקטירן די השקפה וואס דו ווילסט אים געבן?"

"נע... מאך נישט קיין עסק פון די זאכן." זאגט זי מיר מיט ביטול. "עס איז נישט קיין שלעכטע זאכן. עס איז זייער נייטראל. איך, מילא, בין אן ערוואקסענע מענטש און איך ווייס צו קלויבן די גוטע פון די שלעכטע. און מיין קליין קינד? דו מיינסט אז ער פארשטייט? עס ווערט אים נישט שאטן."

...

פאריגע וואך בין איך געזיצן ביי די ליכטעלעך וואס האבן אזוי שיין געגלאנצט אינעם אויסגעפוצטן מנורה. איך זיץ אין א זייט און פארמאך מיינע אויגן. איך אטעם אריין די פרייליכע אטמאספערע, און פרוביר אז עס זאל אויך אנפולן מיינע לונגען.

מיין דריי יעריגער זעצט זיך צו נעבן מיר. "מאמי ווילסט זען מיין חנוכה ביכל?"

"זיכער."

מיר בלעטערן אדורך צום ווייפלטן מאל זיין ביכל. ער פריידט זיך יעדעס מאל פון פריש און ווייזט מיר ווי שיין ער האט געפארבט די מנורה מיט די יוונים.

איך קוק און באוואונדער, מן הסתם צום פינפטן מאל היינט.

דאן פאלט מיין בליק אויף א בילד.

א קליין בעיבי טרינקט פון א באטל. אן אמאליגע באטל. אזא סארט הארן פון א בהמה.

אונטער'ן בילד שטייט אויפגעשריבן: די יוונים האבן געוואלט מען זאל אויפשרייבן אויף די הערנער אז מיר האבן ח"ו נישט קיין חלק אינעם אידישן גאט.

איך באטראכט און איך טראכט... א קליין קינד, אפשר אפאר טאג אלט, אפשר אפאר חדשים אלט און די יוונים געבן ארויס א גזירה אז דאס קינד זאל בשעת ער טרינקט זיין מילך "ליינען אפיקורסוס."

די ערליכע אידן שטעלן זיך איינגאנצן דערקעגן. מיר זענען נישט מסכים. אוודאי נישט. אונזערע קינדער, ריינע נשמות - טהורה היא, וועלן אוודאי נישט זיין אויסגעשטעלט צו זען אדער ליינען אפיקורסוס.

איך קלער אריין טיפער. קען דען אזא קליין קינד ליינען? קען ער פארשטיין? קען ער אריינעמען וואס ער זעט? געוויס.

אלץ וואס דאס קינד זעט, הערט און שפירט גייט אריין אינעם קליין קינד. און אזוי אויך אלעס וואס די מאמע טראכט, פילט, ליינט און הערט.

דער ראש ישיבה האט אזוי שיין מסביר געווען ביי די פרויען שיעור אז יעקב אבינו האט געוואוסט די חכמה אז וואס די עלטערן טראכטן, האט אן אייביגע עפעקט אויף די קינדער.

א שטארקע יסוד. וואס איך טראכט, וואס איך ליין, מיט וואס איך פול זיך אן און וואס מיין קינד זעט זענען צוויי פעסטע יסודות וואס וועלן עפעקטירן דאס קינד אויף אייביג.

דוד המלך זאגט אין תהלים מאויבי תחכמנו - פון מיינע שונאים וועל איך זיך קלוגן. איך וועל זען וואס מיינע שונאים האבן פרובירט צו טון כדי מיר בייצוקומען, און פון זיי וועל איך זיך לערנען וויאזוי צו געוואונען.

אויב די רשעים האבן געפונען פאר וויכטיג ארויסצוגעבן א גזירה וואס ווערט עפעקטירן די קליינע פיצל קינדער, וואס פון אויבן אויף זעט אויס נאריש. פארשטייט דען א פיצל קינד וואס עס שטייט אויסגעקריצט אויף זיין באטעלע? קען ער דען ליינען און פארשטיין? יא.

דאס מח פון א קינד איז אזוי האקל, אזוי ריין און וואס דאס קינד - קיין חילוק ווי קליין - זעט, הערט און באמערקט ווערט אים איינגעקריצט טיף טיף אין הארץ און אין מח און לאזט אויף אים אן אייביגע רושם.

מיר זעען טאקע אז די מאמע פון ר' יהושע בן חנניה, האט געהאט הייליגע שאיפות. זי האט געוואלט אז איר קינד זאל אויסוואקסן א צדיק. האט זי אים אלץ פיצל קינד געברענגט יעדן טאג אין בית המדרש אז ער זאל זיך "אנהערן" מיט'ן קול תורה. דאס זאל זיין די מוזיק וואס ער הערט. און דאס איז אים אריין טיף אין מח און ער איז שפעטער אויסגעשטיגן צו זיין פון די הייליגע תנאים.

נישט אומזיסט ווערט ר' יהושע בן חנניה געלויבט "אשרי ילדתו" וואויל איז די מאמע וואס האט אים געבוירן און געוואוסט די כח פון קדושה אפילו אויף א פיצל קינד.

אונזערע קינדער זענען אונזערע פקדונות, געבארגטע מתנות פון באשעפער. צומאל דאכט זיך פאר א מאמע, "מען קען מיינען. וואס ווערט שוין שאטן?" און די מאמע קלערט, "ווערט טאקע אויסמאכן אויב מיין קינד ווערט זען אדער הערן זאכן וואס די תורה ערלויבט נישט?"

לאמיר נישט אונטערשאצן אונזער כח. קוקט אויף די מעשה פון חנוכה. די יוונים האבן זיך אויך פארלייגט אויף די קליינע פיצל קינדער. זיי האבן געוואלט אויסרייסן די יראת שמים.

אדרבה, מיר דארפן נאך מער אריינבאקן יראת שמים אין די קינדער. רעדן צו זיי דיבורי אמונה, מעשיות פון תפילה, חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל "דער אייבערשטער איז דא..."

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט: אויב עס ליגט אין א באטל וואסער קען מען נישט גיסן דערפון אראנזש דזשוס אדער פארקערט. מען קען נאר גיסן אין גלאז דאס וואס ליגט אין פלעשל. כדי צו איבערגעבן אמונה, אהבת ה', אהבת התורה, אמונת חכמים דארפן מיר זיך אליינס אנפולן מיט אסאך אסאך תפילה און טרערן. "הייליגער באשעפער איך וויל זיין ערליך. איך וויל טראכטן פון דיר, לעבן מיט דיר, נישט פארגעסן פון דיר. איך וויל לעבן מיט יראת שמים, מיט אמונת חכמים..."

איר געדענקט אוודאי די מעשה אין פלארידע געצייילטע יארן צוריק פון סורפסייד. עס איז געווען א גרויסע שיינע

שטארקע בנין ביים ברעג ים. איין נאכט, אן קיין שום פריעדיגע ווארענונג איז די בנין פשוט צוזאמגעפאלן, ברענגענדיג די טויט פאר הונדערטער מענטשן.

צום ערשט האט מען געטראכט אז דאס איז אן ערד ציטערניש, אפשר אן אטאקע... אבער ניין. שפעטער ווען מען האט אויסגעפארשט די אינצידענט האט מען געזען אז עס איז געווען א פראבלעם מיט'ן יסוד.

פאר פערציג יאר צוריק האט דער ארכיטעקט פונעם בנין געמאכט אביסל אייגענע חשבונות. אנשטאט לייגן אייזערנע בימס יעדע פיר פיס האט ער פארשטאנען בעסער און געזען אז אויב וועט ער לייגן יעדע פינף פיס וועט ער זיך שפארן אסאך אייזן און געלט און עס וועט באמת נישט אויסמאכן פאר'ן שטארקקייט פון די בנין. אזוי האט ער געקלערט, אזוי האט ער באשלאסן.

איי, זיינע ביכער האבן אים געווארנט אז מען מוז אויספאלגן אלץ וואס ער האט געלערנט אין "ארכיטעקט סקול" און עס איז נישט קלוג צו זיין קלוגער... דאך האט ער באשלאסן צו "נעמען די שאנס..."

און די רעזולטאטן זענען געווען טראגיש.

די אידישע מאמע איז די יסוד. די יסוד מוז זיין פעסט געלייגט. מיט א ריינע און קלארע השקפה. דער הייליגער רבי האט אויסגעלויבט אידישע פרויען. דער רבי האט געוואלט זיינע לייט זאלן האבן אמונה "אזויווי פרויען..." איז אויב אזוי ליגט זיכער אויף אונז די פליכט צו "האבן א ריינע אמונה."

דער הייליגער חינוך אין זיין ספר שרייבט מערערע מאל ביי די טעמי המצוה אויף געוויסע מצוות (ווי צום ביישפיל לא תחנם - נישט רימען א גוי) אז די טעם פון די מצוה איז אויב וועט מען אזוי זאגן (צום ביישפיל- רימען א גוי) וועט מען טראכטן דערפון, און דאס וואס מען טראכט און פילט, דאס טוט מען צום סוף.

אזויווי חז"ל זאגן "העין רואה - די אויג זעט (ליינט- קוקט) והלב חומד, און דאס הארץ גליסט. מדה טובה מרובה. אויב איז דאס אן אמת און א ווארענונג, אז קוקן ווי מען דארף נישט, ברענגט נישט גוטע רעזאלטאטן, ווייסן מיר די כלל אז ביי גוטס איז פילפאכיג מער. אז א אידישע מאמע פולט זיך אן מיט "ריינע השקפות", הערט און ליינט וואס ערליכע אידן זאגן און היט די ריינקייט פון איר שטוב, וועט די כח הקדושה גיין זייער זייער ווייט און שיין אין איר שטוב.

די אידישע מאמע איז די עקרת הבית, די "עיקר בית" די הויפט יסוד פון איר שטוב. מיר האבן פארשריפטן. א אידישע מאמע דארף זיין פעסט אן קיין שום שפאלט. זי קען זיך נישט ערלויבן אויסצולאזן יעדע פינפטע אייזן. מיר קענען נישט באשליסן אז דאס אדער יענץ איז נישט געפערליך.

א אידישע מאמע איז די יסוד פון א גאנצע געביידע. גאנצע דורות. און ווי מער א אידישע מאמע האלט איר שטוב זויבער און ריין אלץ שטערקער און פעסטער וועט די בנין בעז"ה זיין.

איינע פון מיינע תלמידות האבן זיך אמאל אויסגעדרוקט צו מיר אז עס איז נישט גוט צו זיין "קלאוס מיינדיד" (פארמאכט די מח). איך האב איר געפרעגט אויב זי קען זיך אביסל אויס אין די נפלאות הבורא פון די מענטש.

אינעם האלז ווי דאס עסן גייט אראפ איז דא די "קנה און די ושט" (esophagus and windpipe).

העכער דעם איז דא א קליינע הייטל, א דעקל, וואס האלט אין איין טאנצן אהין און צוריק. ווען מען עסט דעקט עס צו די פלאץ ווי דער אטעם גייט אריבער און ווען מען אטעמט ווערט פארדעקט די לאך פון וואו די עסן גייט אריין. (דערפאר איז א סכנה צו רעדן אינמיטן עסן, ווייל די דעקל טאנצט ארום און צומאל גייט די עסן אריין אין די פארקערטע פלאץ)

איך האב זיי מסביר געווען אז אזוי איז אויך אין מח. די מח האט אויך כאילו א דעקל. און זיין פארמאכט צו איין זאך מיינט אפן צו א צווייטע זאך.

פארמאכט צו שטותים און דעות כוזבות מיינט אפן צו תכלית, צו אמת. אבער אפן צו יעדן שרייבער, בעל דרשן אדער דעה זאגער מיינט אז מען מאכט צו די קאפ פון אמת, תכלית און דעת תורה.

עס איז נישטא נאך אזא "אפענע באשלוס" ווי דער באשלוס צו "זיין פארמאכט...!"

(The most open mided decision is the decision to be close-minded!)

לאמיר זיין א אפענע קאפ און אויסהערן צדיקים, וואס זאגן אונז אז א אידישע מאמע דארף האלטן איר קאפ ריין און הייליג, און היטן די קאפ און אויגן פון אונזערע ריינע יונגע קינדערלעך, אז זייער מח זאל זיין אפן צו תורה, תפילה און תכלית.

און אז איך וועל זינגען ביים בעטל פון מיין פיצל קינד ניגוני אמונה, און רעדן מיט מיינע קליינע קינדער מעשיות פון תפילה און אריינלייגן אמונת חכמים אין די ריינע הערצער וועלן מיר זוכה זיין צו זינגען על הנסים, בימים ההם ובזמן הזה! ■




בס"ד
ענדליך!
א קלארקייט אין לעבן
שפירט אמת'ע שמחה
שלוות הנפש
א נאנטע קשר.
קוואל פון אמונה
212-444-9169
פאר פרויען און מיידלעך
שאלות ותשובות
רעסעפיס
טעגליכע געדאנק
פערזענליכע מעשיות
קורצע שיעורים
ניגונים




פאר מיין חתונה געדענק איך ווי מענטשן זענען געקומען דיר פארדרייען א קאפ און געבעטן זאלסט חתמ'ענען אנטקעגן דער ראש ישיבה שליט"א, און דו האסט נישט מסכים געווען, האסט געזאגט: "איך ווייס וואס ער האט אלץ געטון מיט מיין טאכטער".

נישט איינמאל האב איך מיטגעהאלטן ווי עלטערן זענען געקומען פרעגן וואס צו טון מיט א קינד וואס האט אנגעהויבן הערן די שיעורים, און דו פלעגסט זאגן זיי זאלן זיך נישט זארגן ווייל "עס איז א גוטע פלאץ דארטן".

פאר מיין חתונה האסטו געשריבן דיין צווייטע בריוו צו דער ראש ישיבה שליט"א וואו דו לאדענסט אים צו די חתונה.

נאך מיין חתונה פלעגסטו בעטן מיין מאן זאל דיר ברענגען די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה יעדע וואך, און דו פלעגסט עס דורכליינענען פון דעקל צו דעקל.

מיר האבן מורא געהאט דיר צו געבן די עצתו אמונה שבת ביינאכט, ווייל אויב דו פלעגסט עס גלייך דורכליינען פארן גיין שלאפן. במשך די וואך פלעג איך זען בייטאג די עצתו אמונה ליגט אויפן טיש נעבן דיין פלאץ, און ביינאכט פלעגסטו עס אריבערגיין נעבן דיין בעט אויפן נאכט קעסטל.

די לעצטע פָּאר שבתים פון נאך דיין פטירה, האט מיין מאן ווייטער געברענגט פאר דיר די עצתו אמונה אבער מיר האבן עס שוין נישט פאר וועם צו געבן, נישטא ווער עס זאל אונז פרעגן: האסט א עצתו אמונה פאר מיר?...

שכח אייבערשטער נאך מיין חתונה האב איך ווייטער געהאט די זכות ענק צו ווייטער העלפן, און איך האב נישט אויסגעלאזט קיין איין טאג פון אריבערקומען ענק באזוכן אויסער 2 טעג וואס איך האב געהאט הויך געפיבערט, און ווען איך בין געווען אין חוץ לארץ.

איך געדענק ווי דו ביסט עטליכע מאל געגאנגען באזוכן דער ראש ישיבה שליט"א ווען ער איז געווען אין ירושלים פאר שבת, און די לעצטע ל"ג בעומר האט דער ראש ישיבה שליט"א נישט מסכים געווען זאלסט קומען, דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "איך זאל ארויפשלעפן אן

# ש.ח. שטעגל

עלטערער חשוב׳ער איד? ניין! איך וועל גיין צו אים.״ דעמאלס איז טאקע דער ראש ישיבה שליט״א געקומען דיר באזוכן אין שול.

ווען איך בין צוריקגעקומען נאך שמחת תורה פון שטעטל האסטו אונז נאכאמאל מזכה געווען מיט די לעצטיגע מצווה פון כיבוד אב, און מיין מאן האט געקענט שלאפן מיט דיר אין שפיטאל נאך יענע נאכט. די שבת שפעטער האבן מיר געקענט זיין מיט דיר שבת אין שפיטאל. איך געדענק אז ערב שבת האסטו פארברענגט מיט דער ראש ישיבה שליט״א אויפן טעלעפאן. איך ווייס נישט פונקט וואס דו האסט דאן גערעדט, אבער דין שמייכל אויפן פנים האב איך יא געזען

נאך א ריזיגע שכח וויל איך דיר זאגן מיין הארציגער טאטע פארן קומען איינשטיין ביי מיר די לעצטע 2 שבתים פון דיין לעבן, פארן מיר שענקען די ברכה פון ״למען יאריכון ימיך״.

כאטש איך ווייס אז אינדערהיים איז דיר געווען אסאך באקוועמער, דאך ביסטו געקומען צו מיר, כדי מיין שטוב זאל ווערן אנגעווייקט מיט דיינע הייליגע מעשים און מחשבות. אזוי האסטו מיט דיינע לויטערע כוונות מיר געשאנקען אלעס גוטס. און נישט נאר דאס איז דו האסט אונז געגעבן די גוואולדיגע זכי׳, נאר האסט נאך אויך געהאלטן אין איין ווינטשן ״א בן זכר״ ״א בן זכר״. א דאפלטע מתנה.

די לעצטע חודש אלול ווען מען האט זיך דערוואוסט אז דו האסט א געוואוקס נעבן די לעבער, איז מיר געווען אזא שטארקע לימוד צו זען ווי אזוי דו


בס״ד

כא מרחשון תשפ״ב

לכבוד ראש הישיבה

הרה״ג ר׳ יואל ראטה שליט״א

שלום וברכה וכט״ס

...

שמעון שפירא

00972(0)583269879 / 0097262287105


בס״ד י״ד סיון תשפ״ב

לכבוד הראש ישיבה

הר״ר יואל ראטה שליט״א

...

שמעון שפירא

נעמסט עס אן מיט אזא רוהיגקייט. האסט נישט געפרעגט פארוואס. איך בין געווען מיט דיר דעמאלט אין שפיטאל און מיר האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן אז דיין בארד און פיאות זאל ח״ו נישט אראפקומען פון די שווערע קימא-טעראפי. און שכח אייבערשטער אז נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן

זענען געקומען גוטע אידן וואס האבן באצאלט פאר דיר טייערע ביאלאגישע טריטמענטס, און דו ביסט טאקע געבליבן מיט דיין צלם אלוקים - דיינע שיינע בארד און פיאות, און מיט דעם רוהסטו.

איך וויל דיר אויך פארציילן וואס איז געווען נאך דיין פטירה ווי דער ראש ישיבה שליט״א האט מיר געגעבן ישוב הדעת, קאפ און מח נישט צו ווערן פארלוירן אפילו ביים זיך גיין געזעגענען.

מיין ליבער טאטע איך גיי יא דיר ברענגען נחת, איך וועל מיטן אייבערשטנ׳ס הילף אויפשטעלן שיינע דורות. און פון דארטן ווערסטו אזוי קוועלן פון די נחת. די הייליגע דורות וואס וועלן גיין אין דיינע הייליגע וועגן.

אויך קדיש זאג איך פאר דיר - איך לערן מיט אידישע מיידלעך די שיינקייט פון די תורה, פון איידלקייט, פון לעבן מיט דעם אייבערשטן. וואס דאס איז ״יתגדל ויתקדש שמיה רבה״.

מיה זיך פאר אונז אלעמען פון אויבן, און געדענק וואס איך האב דיר געזאגט ביים זיך געזעגענען פאר די לויה, אז מיין גאנצע אידישקייט איז צו פארדאנקען רבינו יואל בן רייצא רעכיל, און דו זאלסט אים מכיר טוב זיין פאר דעם.

בעט אויך פאר מיר איך זאל קענען ווייטער מכבד זיין מיין הארציגע מאמע מיט די גרעסטע מאס געטריישאפט, און מיין לעצטיגער צווילינג ברודער זאל געהאלפן ווערן מיט א וואוילע שידוך. מיט ליבשאפט און בענקשאפט אן קיין גרעניץ.

# Chicken Strips

BY: S. RABINOWITZ

## INGREDIENTS:

- 1.5 LB CHICKEN STRIPS
- 1 1/4 CUP BREAD CRUMBS (NOT CORN FLAKES CRUMBS AND NOT FLAVORED).
- 1/2 CUP OIL.
- 1/2 CUP SESAME SEEDS.
- 3/4 TEASPOON SALT.
- PINCH BLACK PEPPER.
- 4 CUBES OF FROZEN GARLIC.

## DIRECTIONS:

- PREHEAT OVEN ON 425.
- MIX ALL THE INGREDIENTS IN A BAG.
- PUT THE CHICKEN STRIPS IN THE BAG AND MIX.
- PUT IN A PEN NOT CLOSE TO EACH OTHER.
- SPRAY OIL SPRAY ON THE CHICKEN STRIPS.
- BAKE COVERED FOR 10 MIN.
- BAKE FOR 12 MINUTES.






# חלומות!

מעשה למעשה

אין אמעריקע זאגט מען dream big! חלום גרויס, מען מעג זיך חלומ'ען וואס מען וויל.

מרת גלאנצער האט געהאט א חלום טיף טיף אין איר הארץ, זי האט עס נישט ארויסגעזאגט, זי האט עס נישט פארציילט פאר קיינעם, אבער טיף אין הארצן האט זי גע'חלומ'ט אז זי וויל איין טאג זיין אן ארויסגעקוקטע, נאכגעלאפענע, פאפולערע, שלום בית קאוטש. זי האט זייער שטארק געוואלט האבן די נאמען אלץ א חשוב'ע פרוי, וואס פארשטייט אן ענין און קען יעדן איינעם העלפן אין זייער חתונה געהאטע לעבן, שטעלן א קָאפל אויף די פיס, און זיי העלפן האבן די ריכטיגע שלום בית.

עס איז נישט אזוי שטארק געווען אז זי האט געהאט אזא גוטע הארץ, און זי האט אזוי שטארק געוואלט העלפן אנדערע, עס איז מער געווען אז זי האט זייער שטארק געוואלט האבן די טיטל, אז יעדער זאל פון איר וויסן, איר ארויפקוקן, שעצן און רעדן פון איר. זי האט פראבירט דורכאויס די יארן אלע מיטלען צו קענען ערגרייכן איר חלום.

אלס יונגע ווייבל פלעגט זי אפט אריינרופן אירע חבר'טעס, אירע שכנ'טעס, און פראבירן צו רעדן צו זיי איר גרויס חכמות וואס זי האט בכלל נישט פארמאגט, קוים ווארטנדיג אז מען זאל איר שוין אנהייבן שעצן, און רעדן פון איר. עס איז איר אבער נישט געגאנגען.

נאך א קורצע צייט האבן אלע אירע שכנ'טעס זיך ארויסגעדרייט פון אירע איינלאדענונגען צו קומען פארברענגען, און הערן פערל

ווערטער וואס וועט זיי אוודאי נישט טוישן זייער לעבן.

מרת גלאנצער האט געזען אז דא האט זי נישט מצליח געווען, האט זי אנגעהויבן טראכטן, און ברעינסטארמען א פרישע מהלך, א נייע וועג, ווי זי קען זיך אריינשטופן די נאז, און באקומען די טיטלען וואס זי חלומ'ט שוין אזוי לאנג.

אין די צייט וואס זי איז געווען פארנומען טראכטן, חלומ'ען, און נאכלויפן די חלום, האט זי פארנאכלעסטיגט אין איר שלום בית, און נאך א קורצע צייט האט זיך איר אייגענע מערידזש, פארשטייט זיך, אויסגעלאזט.

מוהרא"ש לערנט אונז אויס, וואס דער רבי זאגט: עס איז דא מענטשן - פירערס - וואס קענען זיך אליינס נישט פירן, וועגן דעם ווערן זיי אנגערופן פאר-פירערס ווייל זיי פארפירן מענטשן, זיי קענען זיך אליינס נישט פירן, זענען זיי פארפירערס ווייל זיי פראבירן צו פירן די לעבן פאר אנדערע, אבער אז מען גייט נאך אזא מענטש, טוען זיי דיר נאר פארפירן.

אזוי האט זיך מרת. גלאנצער געטראפן נאך א גט. זי האט אבער נישט אויפגעגעבן, און נאך א קורצע צייט האט זי נאכאמאל חתונה געהאט.

זי האט ווייטער זיך אריינגעלייגט אין די נושא, צו ערפילן איר חלום צו ווערן די וועלט'ס בארימסטע שלום בית מאכער. זי אליין פארשטייט



**יארן לאנג איז זי געזעצן אין טערעפי פאר איר אייגענע שלום בית.**

זיך האט געדארפט אסאך הילף אין איר אייגענע שלום בית, האט זי זיך נאך א קורצע צייט געפונען מיט איר נייער מאן אין העווי טערעפי, פראבירן יעדע סארט וועג צו מאכן די מערידזש ארבעטן.

זי האט נישט געשפירט קיין שום טעם אין איר שלום בית, ווייל איר מח איז געווען אויף א צווייטע פלאץ, איר מח איז געווען אין א פלאץ וואס איז נאכגעלאפן איר חלום, וואס זי חלומ'ט זיך יארן לאנג.

נו, וואס טוט מען נישט פאר אביסל כבוד, וואס טוט מען נישט צו זיין אביסל פאפולער. איז זי געגאנגען אויף טערעפי מיט איר מאן פשוט עס צו מאכן ארבעטן, אז עס זאל נישט הייסן אויף די גאס אז זי איז א פעלער, כדי אז זי זאל קענען זיין די וואס וועט יעצט איינטיילן אנדערע פרויען, אנדערע משפחות, ווי אזוי צו האבן די גליקליכע שלום בית.

יארן לאנג איז זי געזעצן אין טערעפי פאר איר אייגענע שלום בית, אבער עס האט איר פיל נישט געהאלפן. דאך האט זי זיך געשטופט צו גיין, און געשטופט צו בלייבן חתונה געהאט אין א לעבן וואס זי האט נישט געשפירט קיין טעם, ווייל עס איז איר בכלל נישט געווען חשוב אדער טייער און נאנט צום הארצן, זי האט נאר געהאט איין זאך פאר אירע אויגן דורך אויס אלע יארן 'ווען וועל איך שוין ווערן די חשוב'ע פרוי, וואס יעדער וועט אנערקענען, און יעדער וועט רעדן וועגן מיר'.

איין וואך וואס זי איז געזעצן ביי איר סעשען מיט די טערעפיסט, האט די טערעפיסט אזוי שמועסנדיג איר פארציילט אז זי גייט שוין ארויס פון איר ארבעטס פעלד, זי וועט אויפהערן טון די ארבעט! מרת גלאנצער האט געשפירט ווי זי האט יעצט געוואונען די לאטערי... זי זאגט פאר איר טערעפיסט: "טו מיר א טובה, דיינע אלע קליענטן וואס דו האסט געהאט ביז יעצט רעקאמענד צו מיר, שיק זיי צו מיר. דו ווייסט דאך יא, איך פראביר אזוי שווער, דו זעסט די שווערע ארבעט וואס איך לייג אריין אין מיין שלום בית, ווי אויך די יארן טרעינינג וואס איך האב באקומען דא ביי דיר, ווייל איך קום שוין צו דיר יארן לאנג זיך צו העלפן, קומט אויס אז איך האב שוין געזען דיינע אלע טיפס און טריקס ווי אזוי מען רעדט מיט א קאפל, ווי אזוי מען הערט אויס א פראבלעם, און ווי אזוי מען ענטפערט צו קענען אנהאלטן די קליענט פאר נאך א לאנגע שטיק צייט"...

די טערעפיסט האט נישט געהאט קיין שום פראבלעם מיט די פארשלאג.

נאך א קורצע ווײלע איז מרת גלאנצער געווארן באמבאדירט מיט טעלעפאן רופן, און ביז א קורצע צייט איז איר געלונגען צו עררייכן איר לאנג ערווארטעטע געהאפטע גע'חלומ'טע חלום. מרת גלאנצער'ס נאמען האט גע'שמ'ט נאנט און ווייט, די גאנצע שטאט האט גערודערט און גערעדט פון די חשוב'ע מרת גלאנצער, וואס נעמט שוין אויף פרויען צו טון שלום בית מיט זיי. אלע צעטלעך וואס געבן ארויס א וועכענטליכע בוך האבן געטראגן א פולע בלאט מיט איר נאמען אין גרויסע אותיות, מיט ווערטער וואס רעדן צום הארצן, און זאגן צו די גליקליכע שלום בית אויף וואס יעדער איינער חלומ'ט זיך, וואס יעדער איינער וויל.

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס געהערט ביי די פרויען שיעורים, ווי דער ראש ישיבה זאגט אונז, אז דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין צו דעם צדיק'ס שלום בית, די אמת'ע שלום בית. אבער ווי אזוי באקומט מען די אמת'ע שלום בית? נאר דורך צדיקים, דורך פאלגן צדיקים! דער הייליגער רבי געבט אונז אזויפיל שכל, און הדרכה, צו קענען האבן די אמת'ע שלום בית. דורך קוקן אויף נקודות טובות, אסאך סבלנות, אן א שיעור גיסן תפילות, מוותר זיין, זיך איבערגעבן צום אייבערשטן, און האבן א שטארקע אמונה, אז וואס דער אייבערשטער פירט, און וואס דער אייבערשטער מאכט איז גוט, און אויב דער אייבערשטער האט מיר געגעבן דער מאן, איז דער מאן גוט פאר מיר. אזוי איז מען זוכה צו אן אמת'ע שלום בית.

אבער מרת גלאנצער'ס פאפירן, און ראבאקאלס וואס זי האט ארויסגעלאזט, האבן צוגעזאגט די גליקליכע לעבן וואס יעדער איינער וויל. און דער עולם האט זיך שטארק צוגעכאפט דערצו, און זיך אריינגעלאזט אין א נייע דעד ענד קאורס וואס וועט זיי אפקאסטן שווערע געלטער, רויבן די טייערע יארן און זיי לאזן זיכן פון פריש א נייע וועג ווען זיי דערזעהן זיך צוריק ביי סקווער וואן.

אבער.... וועם ארט??? מרת גלאנצער האט דאך דערגרייכט איר חלום אין לעבן.

***

ווען יוסף הצדיק, נאך ביים טאטן אינדערהיים, האט געהאט א חלום ווי אלע שטאנגען בוקן זיך צו זיין שטאנג, און אלע שטערנס בוקן זיך צו אים, האט עס דאן אויסגעקוקט ווי א ווייטע ווילדע חלום. אבער א צדיק האלט זיך שטארק און געבט נישט אויף.

יוסף איז דורכגעגאנגען א שווערע יוגנט, ער איז פאר'יתומ'ט געווארן יונגערהייט, זיינע ברודעס האבן אים פיינט געהאט, מען האט אים געוואלט הרג'ענען, ער איז פארקויפט געווארן פאר אראבער, זיך געראנגלט מיט א רשע'נטע וואס האט אים נאך געוואלט מאכן זינדיגן, געשמאכט אין א טונקעלע ביטערע תפיסה, און נאכדעם זיך געדארפט דרייען אין א פאלאץ מיט טמא'נע באדינער און קעניג.

אבער יוסף הצדיק האט זיך געהאלטן שטארק, ער האט געדענקט אז זיין טאטע גלייבט אין אים, און ער האט געדענקט אז זיין טאטע פון הימל געדענקט פון אים, ער האט א פלאן פאר אים, און עס וועט זיך אויסשפילן נאר מיט אסאך סבלנות, און זיך האלטן שטארק און קיינמאל נישט אויפגעבן, טון וואס איז ריכטיג, אפילו ווען קיינער זעט נישט און אפילו ווען מען איז ווייט אוועק פארשטויסן. און יעצט ווען יוסף הצדיק האט ארויסגעזאגט די ווערטער ״אני יוסף״ איך בין יוסף, איז מקוים געווארן די חלום וואס יוסף הצדיק האט געהאט יארן פריער. זיינע ברידער האבן זיך צו אים געבויגן, און געווארן אונטערטעניגט צו אים, און אזוי האט ער זיי געוויזן אז טאקע נאך דער אייבערשטער פירט די וועלט און מאכט אלעס.

**זי האט נישט געשפירט קיין שום טעם אין איר שלום בית, ווייל איר מח איז געווען אויף א צווייטע פלאץ, איר מח איז געווען אין א פלאץ וואס איז נאכגעלאפן איר חלום, וואס זי חלומ'ט זיך יארן.**

א צדיק האט גוטע חלומות, א צדיק האט אמת'ע חלומות, און א צדיק'ס חלומות ווייזן אונז די וועג אויף וואס צו חלום'ן, און ווי אזוי אנצוקומען צו אונזערע חלומות אין לעבן.

דו חלומ'סט זיך צו זיין א פרייליכע פרוי, דו חלומ'סט זיך צו זיין א גוטע ווייב, דו חלומ'סט זיך צו זיין א גוטע מאמע, א געטרייע טאכטער, א הארציגע חבר'טע. אפשר איז דיין חלום צו זיין איידל? אפשר איז דיין חלום צו לעבן פארן אייבערשטן אן טראכטן וואס יענער זאגט? אפשר איז דיין חלום צו לעבן פריי פון שרעק און פאניק?

געב נישט אויף אויף דיין חלום, בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג ״באשעפער העלף איך זאל קענען טון דיין ווילן, העלף מיר איך זאל קענען רעדן צו דיר, זיין א גוטער מענטש, העלף מיר מיינע גוטע חלומות זאל שוין מקוים ווערן״.



די קינדער
פון משפחת
ערנטאל
פון קרית יואל
האבן פשוט
אויפגעלעבט!
אלעס אין אייער זכות!
וְתַחְיֶין אֶת הַיְלָדִים
חלק א
זכות
פרק
$1000
זכות
$500
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם
פארבינדט אייך
היינט מיטן גבאי
מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347
578
4449



קינדער בלעטל

# משפחת מענדלאוויטש

## די גרויסארטיגע געוואונער פונעם חנוכה פארמעסט איז:

א גרויסן שכח פאר אלע בלעטל קינדער פארן אהערשטעלן אזעלכע פראכטפולע מייסטערווערק! צום ווידערזען ביים קומענדיגן פארמעסט אי"ה...

# יאַקאַב!

*אין קורצן פון פריער:* ***יעקב (יאקאב) איז אנטלאפן קיין רוסלאנד דורך וועלדער. ער איז אנגעקומען צו א פארווארפענע פארם אין אוזבעקיסטאן. איין טאג האט דער הויפט גערופן יאקאב צו זיך אין אפיס זאגענדיג אז ער וויל אים נעמען פאר א חתן פאר זיין טאכטער. עאקאב האט געוויסט אז ער איז א איד! א איד טאר נישט חתונה האבן מיט א גוי!***

יאקאב איז געווען אליינס. ער האט זיך נאר געשטארקט מיט אמונה און בטחון. ער האט שפעטער דערציילט אז די ניגונים פון אמונה וואס זיי פלעגן זינגען אין ישיבה זענען אין יענע מינוטן ארויפגעקומען אין מח און אים געשטארקט צו טון וואס איז ריכטיג.

יאקאב האט פארמאכט די אויגן און איז צוריקגעפלויגן אין ישיבה צווישן די בלעטער גמרא און ער האט געטראכט פון די הערליכע שיעורים פונעם גאון ר' אהרן קאטלער זי"ע.

נאכן זיך גוט אויסוויינען צום אייבערשטן האט יאקאב שוין געוואוסט וואס ער האט צו טון. ער דארף ווי שנעלער אנטלויפן פון דא. מיט אט די מחשבות איז יאקאב איינגעשלאפן.

...

דערווייל אין קאלכאז רישט מען זיך אויף א גרויסע חתונה. די גוים גרייטן צו א הערליכע זאל. מען צינדט אן ליכט, מען גרייט אן כלי זמר. פון אלע זייטן הערט זיך פרייד אויסרופן. שטילערהייט האבן די גוים צוגעגרייט א שיינע אויפנאמע אין די הויף פון יאקאב'ס בודקע. יאקאב האט פון גארנישט געוואוסט.

אין יענע צייט איז יאקאב געווען אין פעלד פארזינקען אין זיינע מחשבות. פלוצלינג דערשפירט יאקב א גערוך פון וויין. ער הייבט אן הערן מוזיק. ער זעט די שיין פון פיל לעכט, און ער פארשטייט... ער הייבט אן כאפן וואס דא טוט זיך. מען האט צוגעגרייט א גרויסע חתונה לכבוד אים. זיינע מויל ווערט טריקן, זיינע אויגן ווערן פארגלייזט. זיין הארץ הייבט אן קלאפן און דער יצר הרע שרייט "יעקב, דאס אלעס איז פאר דיר. זיי נישט נאריש. דו באקומסט כבוד און געלט און דו וועסט זיין א העלד!...

יאקאב שפירט ווי ער קען נישט דערהייבן דעם נסיון. פון זיך אליינס הייבן זיינע פיס אן צו גיין צום גרויסן ליכטיגן זאל...

אבער אין יענע מינוט האט זיך די פייער פון קדושה אנגעצינדן אין יאקאב, און פונקט ווי יוסף הצדיק האט ער געהויבן הענט און פיס און אנגעהויבן אנטלויפן...

יאקאב איז צום ערשט אריינגעשפרונגען אין זיין בודקע דורך א זייטיגע פענסטער, כדי די גוים זאלן אים נישט באמערקן, און שנעל גענומען אביסל עסן און קליידער, אזוי אויך האט ער א כאפ געטון די גאנצע בינטל מיט אפגעשפארטע פלייש קיופאנס וואס איז געווען ביי אים אין שטוב.

און אזוי האט יאקאב זיך א לאז



ש. טראכטער

# 8

געטון צו די וואלד ארום די קאלכאז, און געלאפן ווייטער און ווייטער אוועק פון די ערד וואס האט געברענט מיט נסיונות.

צוביסלעך האט די זון אנגעהויבן אונטערגיין. פונדערווייטנס האט יאקאב געהערט און מיטגעהאלטן די זוך אקציע אין קאלכאז. ער האט דערקענט די צעמישטע און פארלוירענע פנים'ער פון די מענטשן. זיי זוכן יאקאב. זיי זוכן דעם חתן.

יאקאב האט פארשטאנען אז ער איז אין א סכנה און ער דארף גיין נאך ווייטער פון קאלכאז. אבער די נאכט איז צוגעפאלן און יאקאב האט נישט געוואוסט וואו צו גיין. דעריבער איז ער אן א ברירה געבליבן אין וואלד נישט ווייט פון קאלכאז.

ער האט זיך אויסבאהאלטן אונטער אן איינגעפאלענע בוים און פארבירט צו כאפן א שטיקל דרימל, וואוסענדיג אז ער וועט מארגן דארפן האבן פרישע כוחות.

דערווייל זוכן די גוים יאקאב מיט לעקטערס און פראזשעקטערס. אבער יאקאב איז נישט צום געפונען. זיי וואונדערן זיך אויף

> **ער שפירט ווי ער קען נישט דערהייבן דעם נסיון. אבער אין יענע מינוט האט זיך די פייער פון קדושה אנגעצינדן אין יאקאב און פונקט ווי יוסף הצדיק האט ער געהויבן הענט און פיס און אנטלאפן.**

דעם אינטערעסאנטן בחור וואס האט מיט די אייגענע הענט אוועקגעווארפן אזא גליק וואס זיי וואלטן זיך נאר געוואונטשן אין חלום.

זיי האבן אבער נישט געוואוסט אז זיי וועלן אים מער קיינמאל נישט געפונען, ווייל יאקאב איז געגאנגען זוכן אמת'ע גליק. יאקאב איז געוועזן אויפ'ן וועג צו טרעפן די תורה און טון וואס דער תורה זאגט.

...

א טונקלקייט האט געהערשט איבער'ן קאלכאז. צוביסלעך האט זיך דער זוך אקציע אפגעשטילט און יאקאב האט פארמאכט די אויגן. מיט גרויס געפיל האט יאקאב געליינט קריאת שמע, "ה' לי ולא אירא." דער אייבערשטער איז דא און איך האב נישט מורא..

פון די זייט האט ער געהערט ברומען פון די חיות, פון די אנדערע זייט האט ער געהערט די גוים שרייען אין קאלכאז, אבער יאקאב איז געזעצן אינדערמיט און זיך באהאלטן אונטער דעם שאטן פונעם אייבערשטן, וואוסענדיג אז דאס איז זיין איינציגסטע שיץ.

קיין טיפע שלאף האט יאקאב נישט געהאט יענע נאכט, און ווי נאר די זון האט אנגעהויבן שיקן אירע שטראלן איבער'ן וועלט איז שוין יאקאב געוועזן וואך און אנגעהויבן טראכטן פון ווייטער קריכן אויפ'ן וועג.

פלוצלינג הערט יאקאב א שטארקע גערויש העכער זיך. ער האט זיך זייער דערשראקן. יאקאב איז געוועזן זיכער אז מען קומט אים כאפן.

יאקאב האט זיך איינגעבויגן טיף אונטער די בוים און מיט שרעק געקוקט צום הימל פון וואו ער האט געהערט דעם גערויש. אזוי' קוקענדיג האט ער באמערקט אז דאס איז די העליקאפטער וואס ברענגט די עסן יעדע פאר טעג.

דער אייבערשטער האט געמאכט אז א געדאנק זאל אויפבליצן ביי יאקאב אין מח. ער האט געוואוסט אז די העליקאפטער זאל לאנדן און ווען ער האט באמערקט אז די פילאט איז ארויס פון זיין קליינע פליגער איז יאקאב שטיל צוגעגאנגען נענטער צו אים און אים שטיל געורופן..

ווען דער פילאט האט דערזען יאקאב האט ער זיך דערשראקן. "וואס טוט דא א מענטש אין וואלד אזוי פרי פארטאגס?" זיין נייגער האט אים געטריבן צוצוגיין צו יאקאב. יאקאב האט אים דאן געוויזן זיין גאנצע בינטל פלייש קויפאנס און אים געפרעגט "איר ווילט דאס?"

דער פילאט האט געעפנט צוויי גרויסע אויגן און געשאקלט מיט'ן קאפ. "זיכער."

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות: "דורך נר שבת און נר חנוכה איז מען זוכה צו קינדער תלמיד חכמים".

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי זאגט: אין א פלאץ ווי מען קריגט זיך – געפינט זיך דער**

א. פשוט'ע איד
ב. גוי
ג. שטן
ד. מקוה איד

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן מ) די גאנצע לעבן איז אזוי ווי א דריידל, עס דרייט זיך מיטן מענטש; אט איז ער אויבן, אט איז ער אונטן, און דער אייבערשטער מאכט מיט יעדן איינעם גרויסע ניסים;

## געב א שמייכל

**קענסט רעכענען?**

געברענגט צו אייך וועכנטליך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**לג. עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲוֹונוֹתֶיךָ.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס׳איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **ליפא איינהארן נ״ו – לינדען**

# קליין און פיין



קרית יואל'ע חדר לערנט פון יעקב אבינו'ס שטעקלעך נקידים



משפחת טיקאלסקי און משפחת אפפעל



משפחת וועבערמאן



אדי און שלמה ראזענבערג



תלמוד תורה קרית יואל



תלמוד תורה קרית יואל



טויבי מינצבערג

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


משפחת יאקאבאוויטש


משפחת ברוך יאקאבאוויטש


גיטי ראטה


שלמה איינהארן


פייגי ראטה


משפחת מזרחי


כ"א כסלו תלמוד תורה ירושלים


משפחת פעקעטע


פייגי און חיי' ראטה


רבקה וועבערמאן


תלמוד תורה קרית יואל




שיקט אריין אייער מאלערייען:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



פרייליכע טענץ אין תלמוד תורה אין ירושלים לכבוד כ"א כסליו - א' מקץ תשפ"ה



די קינדער גרייטן אן די פישקעס



די קינדער פון תלמוד תורה אין שטעטל ביים שפילן
אין די שניי - ג' מקץ תשפ"ה







די קינדער פון תלמוד תורה אין שטעטל ביים גיין נאך געלט אין
ביהמ"ד אין שטעטל - ה' מקץ תשפ"ה



א בליק אריין אין ישיבה אין שטעטל
ווי דער ראש ישיבה שליט"א געבט א
שיעור פאר די חשובע בחורים



דאנערשטאג נאכט שיעור אין שטעטל - ה' מקץ תשפ"ה



דער ראש ישיבה שליט"א טאנצט מיט די בחורים
נאכן חנוכה לעכט צינדן אין ישיבה אין שטעטל



מעריב אין ישיבה אין שטעטל - ה' מקץ תשפ"ה



דער גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו
צינדט די חנוכה לעכט



מען צינדט די חנוכה לעכט אין ישיבה אין שטעטל



דער גבאי מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו בייס
אויפטרעטן ביים מלוה מלכה לטובת די בתי מדרשים



די וועבערמאן ברודערס ביים מהנה זיין דער עולם
ביי מלוה מלכה - מוצש"ק מקץ תשפ"ה



מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק מקץ תשפ"ה



סיום הש"ס פון הילד אליעזר שלמה פאראקאש ני"ו

קרעדיט: אייזיק ראטה, נפתלי זאבל, שמעון פיש

בס"ד

צאו ואתכנשו להילולא דרחי נען

די גאלדענע קייט

אלקא דמאיר ענני

# סדר המעמד

נטילת ידים 8:00

**משא המעמד**

מו"ה **מנחם מענדל קאהן** הי"ו

ריר'ענדע פרעזענטאציע

## א שפאציר אויף די געסאלאך אין ארה"ק

איר ווילט דאס נישט פארפאסן!

**דבר המוסד**

מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו

מיר וועלן אי"ה זוכה זיין צו הערן

**דברי התחזקות פון מורינו**

## הראש ישיבה שליט"א

**באולם עטרת חיה שרה - מאנסי**

106 S. Madison Ave, Spring Valley, NY 10977

מיר ערווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן

*sruliHeskel